STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05794

FAR VEMEN ZING IKH MAYNE LIDER

Hayah Rahel Andres

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיה רחל אנדרעס

חיה רחל אנדרעס

פאר וועמען זינג איך מיינע לידער

אַן אַריינפיר
און אָפּשאַצונג פון שלום שטערן

איבערזעצונגען אויף ענגליש
פון יודל קאָהען

Copyright, 1979
by Chaya Rochel Andres
6439 Deloache
Dallas, Texas 75225

רעדאַקטירט פון דזשאַנעט קאָהען

געדרוקט פון
פאקולטי פרעס, ניו יארק

געווידמעט צו הערשלען,

צו מיינע דריי זין ראובן, דוב, נחום,

צו מיינע שניר: אמיליע און רות

און אלע מיינע אייניקלעך

אינהאלט

די לידער פון חיה רחל אַנדרעס —
אַן אָפּשאַצונג פון שלום שטערן 9
אַנערקענונגס־וואָרט................ 19
פּאַר ווערטער זינג איך מיינע לידער............ 23
זיינען יאָרן געלאָפן............... 25

זכרונות פון דער אַלטער היים.............. 27
ערב שבת אין דער היים............ 29
יוגנט דערינערונגען.............. 31
ווינטער אין דער אלטער היים............ 33
דאָס יאיכל.................. 35
ביים טייכל — ערשטער טאָג פּסח 1919טער יאָר.... 37
ביים זעלבן טייכל — 1975.............. 38
מיין חלום.................. 40
מיין מאַמעס וואָרט............... 41
ראש השנה צו תשליך............... 43
מיין מאַמעס טרער................ 45
מיין טאַטנס ירושה............... 47
געווען אַמאָל אַ שטעטל אויף יענער זייט ים........ 49

נאַטור לידער................. 53
דער אַלטער בוים................ 55
פרילינג 1953............... 56
מיין פלוימען בוים............... 58
דאָס פייגעלע................. 60

אַ פרילינג פרימאָרגן 62
פאַרפלאַנצט אַ בוים 64
פרילינג. 65
באַגינען 67
אַ ליכטיגער פרימאָרגן 68

דער חורבן און ווייטער 69

גערדאַנקען 71
ליד מיינס 73
שטילע רייד 74
געטאָ העלד 75
די נאַגאַיקע. 77
אייכמאַן 79
אין חלום, נאָך אונדזער חורבן. 81
שוידער פון צוואַנציקסטן יאָרהודערט 83
פסח — זמן חרותנו. 86

סאָציאַלע לידער 89

שלום עליכם. 91
פרימאָרגן. 94
פרילינג און באַפרייונג 95
יונגע יחוסדיקע כלה־צעפּ. 97
צווי ליאַלקעס. 99
מיין פאַרלאַנג. 101
יאָרן 102
זוניקער פרימאָרגן 103
צעשראָקן אויפן טעלעפאָן 104
האָפענונג צום נייעם יאָר. 106

שטימונגס לידער 107
אין מיטן נאַכט 109
צו דיר. 111
מיין פרימאָרגן תּפילה. 112
קינדערשער אָרקעסטער. 113
דערמאָנסט זיך 115
אין אונדזער ספרים שאַף 117
מיינע קני 119
מיינע קנייטשן. 121
פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג 123
מיין אומרויקע טרער 124
זאָג ניט דו ביסט אַלט 125
באַגינען 126
פרימאָרגן. 127
ניט פאַרלאָשענער פונק 129

ישראל און די צוקונפט פון אונדזער פאָלק 131
טינט אויף פּאַפּיר 133
מיין יידיש פאָלק. 134
אויף תּל־אביב גאַסן 136
אויף א שיף איבערן ים כּנרת. 138

פאַר זיי זינג איך מיינע לידער 141
מיין שיר השירים 143
אונדזער אייניקל טאַמי 144
דזשיל. 146
מיין אייניקל ראדזשער לי. 147
מיין אייניקל מארק 148
רייטשל, אייניקל מיין יינגסטע. 149
ניט מער, ניט מער 151

* * * *

די לידער פון חיה רחל אַנדרעס
און אָפּשאַצונג

אין מיין לייענען נאָכאַמאָל דאָס לידער בוך, „מיין טאַטנס ירושה״ פון דער באַגאַבטער דיכטערין, חיה רחל אַנדרעס, האָב איך אויפסניי זיך אַריינגעלעבט אין דער שטייגער וועלט פון אירע פּאָעטישע פּאָלקס־מאָטיוון.

אין דער דערמאָנונג לעבט כסדר די בענקשאַפט נאָך דעם לעבנס־אַרט פון אמאָל אין עבר־לים. זי ווייסט, אַז בלויז אין איר דמיון קען זיך אויפשטעלן דער פאַרלאָרן־געוואָרענער נעכטן, און זי באַמיט זיך, נישט צו פאַרלירן די פעדים וועלכע בינדן זי צוריק צום טרוים פון איר עבר.

די נאָגנדיקע בענקשאַפט ציטערט אין אירע האַרציק־לירישע פערזן, וועלכע שילדערן איר געבוירן־שטעטל — די היים פון אירע קינדהייט און יוגנט יאָרן.

זי באַקענט אונדז מיט א צאָל ערלעכע און הערלעכע געשטאַלטן פון יענער שטייגער־סביבה. עס שטייט פאַר אירע אויגן טאַטע־מאַמע׳ס היים, מיטן ברודער און די שוועסטער.

זי האָט פאַרהיט אין זכרון די הייליקע און הערלעכע שיינקייט פון שבת־יום טוב טעג. די וואָך מיט איר נויט — און פרנסה־יאָך, איז גרינגער געווען דורכצוטראָגן, ווייל דער שבת האָט מיט זיין הייליקן פונק דערהויבן אויך דעם ערב־שבת, דעם פרייטיק, ווען מען הייבט אָן אַריינברענגען אין שטוב דעם שבת־קודש:

שוין וואסער פון פלומפּ אָנגעטראָגן,
די דילן געוואשן, ווי וואקס אזוי געל,
שוין טשאָלנט אין אויוון, אין הייסן, פאררוקט —
ס׳איז שבת כמעט ביי דער שוועל.

די מאמע אין שייטל, ווי די שכינה זי שיינט,
דאָס גרוי דעם שבת׳דיקן פארטעך איז פרעמד
דער טאַטע מיט שיך־וואַקס די שיך שוין באַשמירט,
זיין גרייז־גראָע באָרד אין צווי עקן צעקעמט.״

(„ערב שבת אין דער היים״)

די טרער קוועלט אין דער בענקשאַפט פון איר האַרץ. די ניגונים פון זמירות פאַרקלינגען די שטוב און די שבת׳דיקע מאכלים זיינען געשמאַק צום גומען. וואָס ווייטער אין יאָרן פון יענער דערהויבנקייט, אַלץ נעענטער אין דער בענקשאַפט איז געוואָרן דער שבת־קודש, וואָס האָט היימיש און ליב געהאַלטן דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־סדר:

ווי ליב איז געווען דאָס לעבן,
שבת קומט דאָך באַלד אָן: —
דער קידוש, די זמירות,
דער טשאָלנט אין אויוון,
און גאָט דער אַלמעכטיקער
היט פון אויבן.

„יה רבון עלם" — מיר זינגען צוזאַמען
מלאָכים שוועבן אַרום אונדזער טיש
עס בענקט מיין האַרץ
און א טרער איך פאַרוויש."

(„ווינטער אין דער אַלטער היים")

און ווען דער פאַרהערלעכער שבת־קודש נייגט זיך צו פאַרנאַכט און די לעצטע רויזיקע שיין שווימט אין פויזענדיקע, טונקעלע שאָטנס, פלאַטערט דער אומעט אין איר יונג האַרץ, ווייל זי באַנגערט, אַז די הייליקייט פון שבת זאָל אַזוי גיך ניט פאַרגיין: —

עס צאַנקט נאָך דאָס ליכטל,
דאָס פאַראומערטע קנייטל,
ס׳פאַרגייט שוין הייליקע שבת־רו
און פאַרטונקלט ווערט דאָס דינע פלעמל."

(„יוגנט דערינערונגען")

חיה רחל, די געפילפולע דיכטערין, מישט כסדר צוריק די טעג פון איר לעבן. זי באַשרייבט דאָס דחקות אין הויז: „גאַנצע זעקס טעג וועט מען ווידער נאָכ׳ן שבת בענקען." דערוויל ציט זיך אויס די לאַנגע וואָך מיט דער שווערער נויט, ווי דער ביטערער גראַנגל פאַר׳ן שטיקל ברויט; און ווי עס איז אין דער וואָך, ווען מען פאַרוועט די אָרימע סעודה פון ברויט מיט א שטיקל הערינג. — דאָך שילדערט זי אויך אָט דאָס אָרימע לעבן, ווי אַן אידיליש בילד.

פארוואָס אזוי? ווייל ווי שווער דאָס ביסל פרנסה איז אָנגעקומען, איז מען געווען צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, ברודער און די שוועסטערלעך. געווען טאקע אַן אָרימע היים, אָבער א הארציקע היים, וואו די ליבשאַפט האָט אַלעמען אַרומגענומען. חיה רחל אַנדרעס איז א דיכטערין, וואָס געהערט צו דער פלעיאַדע פּאָעטן וואָס אנטפלעקט אירע עמאָציעס און בענקענדיקע טרוימען אין רירנדיקע לידער לויטן שטייגער פון זינגעוודיק־דערציילערישן רייד־לשון פון פאָלק.

פון א צאָל פון אירע וואָרט־געמעלן ליכטיקן ארויס די געשטאַלטן פון טאַטע־מאַמע. דאָס שטעטל איז פארטיליקט, אָבער זי געדענקט און זעט די טרערן: —

דו זעסט מיין אַלטן טאטן
פאַרהילט אין ווייסן קיטל.
און צארט דו גלעטסט
מיין מאַמעס מילד צעקנייטשט פנים.

אָט פלעכסטו בלויע שלייפן
אין גערדיכטע שוועסטער צעפּ . . .

("ליד מייוס")

חיה רחל אנדרעס, וואָס איז אזוי טיף אריינגעוואָקסן אין דער טראַדיציאָנעלער, היימישער שטעטל־סביבה, איז פריש ביי איר די ווייטיקדיקע איבערלעבונגען, ווי מען האָט זיך אָט גאָרניט לאַנג ארויסגעריסן פונעם באָדן פון איר נעבטיקייט. אָבער אויף קיין איין טאָג האָט זי נישט געפילט אז זי איז גייסטיק אָפּגעריסן פון אירע איבערלעבענישן פון אמאָל אין דער היימישער היים פון טאַטע־מאַמע.

דעריבער איז זי אזוי טיף אויפגעטרייסלט פון דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק. — פארוויסטיקט איז געוואָרן דאָס שטעטל און פארטיליקט זיינען געוואָרן אירע נאָענטסטע און טייערסטע.

די האַרץ פון דער דיכטערין איז א לאָגל טרערן. די טרער פון צער ציטערט אין די ווערטער. דאָס זיינען קינות, וואָס קלאָגן אויפן גורלדיקן גאנג פון יידישע דורות, וואָס אין משך פון טויזנטער יאָרן זיינען זיי אויף קידוש־השם. דער פיין פון אונדזער מארטיראָלאָגיע האָט זיך אריינגעשאַרפט אין געמיט פון דער טאלאנטירטער

דיכטערין חיה רחל אַנדרעס, און דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון איר צער איז דאָס ליד „בענקשאָפט״. עס איז אין נוסח פון די פיטנים־מקוננים וואָס וויינען אויפן בראָך פון אונדזער פאָלק און פארגעסן קיינמאָל ניט אונדזערע גבורים און קדושים: —

זאָגט נאָר מיר, ביימעלעך
נאָענטע ביים ראנד,
וואו זיינען די הענט
אייך האָבן פאַרפלאַנצט?

זאָג נאָר מיר וואַסערל
קלאָר ווי קרישטאָל,
בענקסטו נאָך יידן
פון „תשליך" אמאָל?

ווער טרעט אויף אייך, גרעזעלעך,
דאָ ביי דעם ברעג,
ווער זינגט אייך איצט לידער
פון ליבשאפט אין וועג? . . .

ווער ציילט איצט די שטיינדלעך
פארוואָקסן מיט מאָך?
ווער חלומט חלומות
ביי אייך אויף דער וואָך?

קומען נאָך יידישע מיידלעך צוגיין
מיט פארפלאָכטענע צעפּ?
קומען צום וואַסערל מיט פעקלעך
וועש אין די טעפּ?

זאָגט־זשע מיר, ביימעלעך,
נאָענטע ביים ראנד,
ווו זיינען די הענט
וואָס אייך האָבן פאַרפלאַנצט? . . .

(„בענקשאפט")

חיה רחל אַנדרעס איז נישט פילזשאַנערדיק. דאָך זיינען א צאָל לידער דאָס געוועב פון פארשיידנאַרטיקע מאָטיוון.

אין לייכטער איראָניע באַשרייבט זי דעם געוויינלעכן גאַנג פון די יאָרן אויף דער עלטער. דאָס געביין איז שלאַבעריק און ער קען מער נישט אויספירן דעם באַגער פון באַוועגן זיך פריי, ווי אַמאָל. עס איז דער אופן פון פּרוּוון באַהאַלטן די ווייטיקן, וואָס שטעכן דורך אַלע גלידער: —

אין יאָרן יונג־קינדיש — שטיפעריש,
בויגן פלעגן מיינע קני זיך אין געלאָף . . .
האָט אַמאָל געהערט גאָר ווער,
אַז די קני וועלן בויגן זיך ניט מער?"

(„מיינע קני")

דאָס נעמלעכע איז מיט די אויגן. זיי זיינען מיט בעלמען פאַרצויגן, און די ראיה טונקלט, אויך דאָס געהער איז קאַליע. זי הערט נישט אַזוי קלאָר דעם קלאַנג פון רייד, אָבער ווייסט, אַז די יסורים פון דער וועלט זיינען אַרום איר. אָבער פילנדיק האַרץ הערט דאָס געקלאַנג פון די ליידנדיקע פון אַלע אונטערדריקטע און געפייניקטע: —

הערסט דאָס גערויש ניט מער,
ניט דעם גרויסן טומל,
ניט געוויין פון קינדער
אין פאַרקראַמפּטן הונגער,
ניט געיאָמער פון א מאַמען,
פון פאַרלירן איר איינאיינציקן זון
אין פאַרוויסטונג פון מלחמה.

(„מיינע קני")

מען דערפילט, אַז אָט דעם צער פון דעם הונגעריקן, הערט זי און זי ליידט מיט די ליידנדיקע. אויף א דירעקטן אופן דערציילט זי וועגן איר אייניקל רייטשל. זי וויל אַז זי זאָל פאַרנעמען אָט דעם פּיין פון די וואָס ראַנגלען זיך אין דער נויט און שטייען אין קאַמף מיט די געוועלטיקע. זי פילט אַז איר אייניקל דאַרף וויסן, אַז אַרום איר איז פאַראַן א וועלט מיט מענטשן, וואָס זיינען אין דערנידער און זיינען ווי זאַמד־שטויב אונטער די טריט פון געוועלטיקער און רייכע האַרן. זי שילדערט דאָס בילד פון אָרעמע געסלעך: —

דאָרט אין בלאָטיק נאַסע געסלעך,
אויף די שוועלן ביי די הייזער,
שטאַרען הונגעריקע אויגן —
הענטלעך דאַרע, אָן בזיון,
בעטן ברויט פון טוכלער נאָרע.

זיי, די קינדער, ניט באַשערט איז
פון ערד די זאַפטן צום געניסן,
ליגן זיי פאַרהונגערט און באַליידיקט,
און אונדז, קינד מיינס,
פּלאָגט אַזוי סיגעוויסן . . .

(„רייטשל")

דער געבוי פון חיה רחל׳ס ליד איז אין דעם געוויינלעכן און פּאָעטישן סטיל פון די פאָלקס־דיכטער, וואָס זייער ליד איז אויסגעוואַרעמט געוואָרן אין דעם בענקענדיקן טרוים פון פאָלקס געמיט. דאָס זיינען טרערן פון פרייד און פון טרויער, וואָס זיי האָבן אין זיך אריינגעזאַפּט.

די לידער פון דער מיט טאַלאַנט־געבענטשטער דיכטערין חיה רחל אַנדרעס פאַרמאָגן אין זיך שוין דעם ציטערדיקן און געלייטערטן קלאַנג פון דער עכטער לירישער פאָלקס־דיכטונג. אין אַ היפּש ביסל לידער ווייזט זי אַרויס קינסטלערישע געניטשאַפט. זי קאָנטראָלירט די ווערטער, וועלכע זי פּאַסט אַריין אין דער סטרוקטור פון איר ליד. אַ מוסטער פאַר אַזאַ פּאָעטישער דערגרייכונג איז דאָס ליד, „מיין חלום," צמצום פון וואָרט און כמעט יעדעס וואָרט איז אַ בילד, מוזיקאַלישע פערזן, וואָס איר ריטם איז די מעלאָדיע פון געזאַנג. עס וואָלט שוין לאַנג צייט געווען, אַז אויף דער ליד זאָל זיך אַרומקוקן אַ יידישער קאָמפּאָזיטאָר און אריינברענגען דאָס ליד אין פאָלק: —

אַ שאַפע, אַ בעטל,
אַ טיש און אַ באַנק,
שווימען אויף פון אויבן
פון טיף אין געדאַנק.

אַ פאַרטעך, אַ רעקל,
אַ קאַפּטאַן, אַ שאַל,

טאַנצן אינאייִנעם
א רונדן קאַדריל.

אינמיטן כלי־זמרים,
מיט סענדער, דעם באַס,
שפּילן א ניגון,
אַליין אים פאַרפאַסט.

און דווקא אויך איך,
צוזאַמען מיט זיי,
אין א קלייד אַזאַ לאַנגן,
א ווייסן, ווי שניי.

איך טאַנץ און איך שפּרינג,
דעם אָטעם כ׳פארצי . . .
ביז אויפגעוועקט האָט מיר
די קעלט אינדערפרי . . .

אוי, א שאָד! א שאָד!
נאָך טאַנצן איך וויל, צוזאַמען מיט זיי,
אינ׳ם קלייד, אינ׳ם לאַנגן,
אינ׳ם ווייסן ווי שניי . . .

(„מיין חלום")

איצט ווידער געלייענט אייניקע מאָל, חיה רחל אַנדרעס׳ לידער. אירע איבערלעבונגען און שטימונגען אין פּאָעטישער פאָרם, האָבן מיך אַרייַנגעפירט אין איר וועלט פון געפיל און געדאַנק. דער קלאַנג און דאָס בילד אין אירע פערזן זיינען פריש און אָנרעגנדיק, און דאָס באַשטעטיקט די עכטקייט פון איר טאַלאַנט.

די דיכטרין, חיה רחל אַנדרעס האָט מצליח געווען, אז אירע לידער זאָלן מיט אייניקע יאָר צוריק פאָרגעשטעלט ווערן אין דער ווערסיע אין עברית, אין דער אויסגעצייכנטער איבערזעצונג פון דער ישראל דיכטערין, אסתר זאַמעצקי. איצטער וועט דער ענגלישער לייענער זיך באַקענען מיט איר פּאָעזיע אין ענגליש, אין דער לירישער און קלאַנגפולער איבערזעצונג פון יודל קאָהען. יודל קאָהען איז א געטרייער און געניטער איבערזעצער. ער האָט באוויזן צו פארהיטן די בילדלעכקייט, דעם ליריזם און דעם ריטם פון אירע עמאָציאָנעלע און אין טרוים־אויסגעבענקטע פערזן.

איך האַלט, אז חיה רחל אַנדרעס׳ לידער נויטיקן זיך ניט אין קיין הקדמה, מחמת זי פאַרמאָגט אין זיך דעם לעבעדיקן רויש פון דעם עכטן פאָעטישן פאָלקס־ליד.

איר ליד עפנט די טיר צו דער אייגנאַרט פון יידישן לעבן פון שטעטל פון פאר זיין פארוויסטיקט ווערן דורך די נאַצי־דייטשישע חיות רעות. גלייכצייטיק הערן מיר דאָס דורכגעטרערטע געבעט וואָס זי מורמלט ווי א תפילת שחרית, אז דער שלום, ווי דער ליכטיקער טוי, זאָל נידערן אויף די געצעלטן פון ישראל. מיט שלוה זאָל באַגליקט ווערן דאָס אויפסנייַ געאַרבעטע, פון דורות באַגערטע ערד, פון יידן אומעטום.

מיר מורמלען צוזאַמען די הייליקע תפילות פון בענקשאַפט, אַז דער פרידן זאָל בקרוב רוען און דורך אונדזער בלוט און טרערן זאָל שלום אַרומנעמען דאָס געהייליקט לאַנד ישראל:

ליכטיק בלויער ים כנרת,
איך זינג מיין ליד צו דיר,
מיין ליד פון אומרו,
מיין ליד פון פרייד —
פון האַרץ וואָס בענקט,
ציטערט און האָפט
אויף דער געבענטשטער שעה
צו שלום רו . . .

(„ים כנרת״)

אין דעם פרילינג, 1977, נומער „זאַמלונגען״ איז אָפּגעדרוקט חיה רחל אַנדרעס׳ ליד „פאַר וועמען זינג איך מיינע לידער?״ חיה רחל אַנדרעס, וואָס ווייזט אויס אירע איבערלעבענישן אין רירנדיקע, פאָלקסטימלעכע פערזן, וויל אַז אירע לידער זאָלן געלייענט ווערן. דאָס איז דער באַגער פון יעדן דיכטער, אַז דאָס ליד זאָל דערגרייכן דעם לייענער, וואָס זאָל אין ליד דערפילן דעם ציטער פון די אייגענע געפילן. מיט אָט דעם פיינלעכן געפיל ראַנגלט זיך כמעט יעדער פּאָעט.

שווער איז פאַר מיר, ווי פאַר אונדז אַלעמען, געפינען דאָס וואָרט וואָס זאָל מילדערן דעם ווייטיק פון בענקשאַפט און טרויער. זי געפינט אָבער פאָרט די שליחות פון איר ליד, — דאָס איז, צו הייליק היטן דעם לדור דורות ליכטיקן אָנדענק פון פאַרטיליקטע

מיליאָנען יידן. זיי האָבן זיך מטהר געווען אין אייגענעם בלוט. זיי האָבן גייסטרייכער געמאַכט די וועלט מיט זייערע מעשים. הייליק איז זייער צושטייער צום המשך פון אונדזער לעבן. איז פאַר זיי צינדט זי דעם נר תמיד אין אירע לידער:

טאָכטער, שוועסטער, יידישע!
פון קדושים לעבנס פארטיליקטע.
געגעבן דער וועלט א צוגאָב,
פאר דיין אָפשטאַם דאָך האָסטו:
דעם אָפשטאַם פאַר יידישן קיום . . .
פאר זיי זינגסטו דיינע לידער.
זינג זיי, זינג זיי ווידער,
דיינע הארציק־יידישע לידער!
(„פאר וועמען זינג איך מיינע לידער?")

חיה רחל אַנדרעס׳ לידער, שטילע, הארציקע, זיינען א געשאנק פון אן עכטער, געפילפולער דיכטערין, מיט אן אייגענעם פּאָעטישן טאָן, וואָס וועט זיכער פארדינען די פרייד און אַנערקענונג מצד דעם ענגלישן לייענער. און איך שיק איר די ברכה, אַז זי זאָל זוכה זיין צו זען דעם נחת פון פרייד אין ישראל, און אויך, אז עס זאל איינגעשטעלט ווערן אַזאַ וועלט פון גערעכט און גוט, אַז זעט, פרייהייט און פרידן זאָל הערשן איבער דער וועלט, טאַקע ווי זי אליין בענקט נאָך דעם דאָזיקן גרויסן אויסגעטרוימטן טאָג:

איך וואָלט וועלן נאָך דערלעבן,
זען אין מיינע רייפע יאָרן,
ניט מער פארהונגערטע, נאר זאַטע,
אין יעדער היים, אין יעדער כאַטע.
(„רייטשל")

— שלום שטערן*

****

* שלום שטערן איז אן אנערקענטער קאַנאַדער יידישער פּאָעט און ליטעראַרישער קריטיקער, וועלכער איז פרעמירט געוואָרן פון דער קאַנאַדער רעגירונג. זיינע עפּישע פּאָעמען און לידער זיינען איבערזעצט געוואָרן אויף איברית, ענגליש און פראַנצויזיש.

אַנערקענונגס-וואָרט

מיין לויב געזאנג פאר אנערקענונג און אחריות צו מיינע איבערגעבענע איבערזעצער, יודל קאָהען, און רעדאקטאָר, דזשאנעט קאָהען.

זייערביידנס דערמוטיקונג און אומדערמידליכע ארבעט פֿאר דער איבערזעצונג פון מיינע לידער האָט מיר געשטאַרקט און געגעבן מוט פאָרצוזעצן, און מיט האָפענונג, אַרויסצוגעבן דאָס בוך איןביידע שפּראכן, אין יידיש און ענגליש.

מיין האַרציגע דאַנקבארקייט וויל איך אויך אויסדריקן דעם הויך־אנערקענטן קריטיקער און פּאָעט שלום שטערן, וועלכער האָט זיך אזוי טיף ארייגעטראכט אין מיין שאפן און האָט מיך דערהויבן אין זיין הקדמה צו דעם געפיל פון ווייטער פאָרצוזעצן מיין באשיידענעם אויסדרוק אין מיין פאָלקס ליד.

— חיה רחל אַנדרעס

פאר וועמען זינג איך
מיינע לידער

פאַר װעמען זינג איך מײַנע לידער?

(הערשלען צו זײַן 10־טן יאָרצײַט, דעם 5־טן אויגוסט, 1976)

פאר װעמען זינג איך מײנע לידער?
װעמען גײען זײ גאָר אָן?
צוװאָס אויפװעקן די נאָגונג װידער,
אין בענקען אײביקן נאָר זײן פארטאָן?

עס װיל מײן האַרץ
זיך ניט אײנשטילן,
זי צופּט לעבנס־שטיקער
פון מיר אויס, —
דער צער אין מיר איז אזוי גרויס.

פארשטײנערט װערט מײן הארץ,
װי קען דאָס בלוט
דורך אָדערן נאָך פליסן
װען עס פלאָגט אין מיר אזוי ס׳געװיסן?

איך לעב, — און האלט אויגן מײנע אָפן,
איך קוק צו װעלט, —
צו איר שוידערלעכן פײער,
אין פארלוסט דעם װיסטן.

באצאָלט האָבן מײנע טאַטע־מאַמע,
שװעסטערלעך און ברודער,
אזוי טײער! . . .
און איך, די אײנציקע
בין לעבן גאָר געבליבן.

דו זאָגסט ארויס דאָס צעווייטיקט וואָרט;
— „אזוי באשערט, — אזוי באשערט."
און מיט אַזאַ פארמשפט וואָרט,
ווי קען איך אייביק זיין געגערט.

טאָכטער, שוועסטער יידישע!,
פון קדושים — לעבנס־פּאַרטיליקטע,
געגעבן דער וועלט א צוגאָב
פאר דיין אָפּשטאם דאָך האָסטו; —
דעם אָפּשטאַם פּאַר יידישן קיום,
המשך פאַר דורות־גאַנג יידיש בלוט.

פאר זיי — פאר זיי זינגסטו דיינע לידער.
זינג זיי ווידער,
זינג זיי — זינג זיי ווידער,
דיינע הארציקע — יידישע לידער! . . .

****

זיינען יאָרן געלאָפן

זיינען יאָרן געלאָפן, אייביקער שטראָם,
דאָס לעבן האָט דיך באַהאַוונט; —
סיי האָסטו געזונגען
סיי געמאַכט האָסט אַ גראַם,
סיי אויף אייגענעם אופן געדאַוונט . . .

צי פאַרפאַסט האָסטו לידער,
פון אומעט, — — — פון פרייד,
צי געשפּילט האָסט מיט קינדער
סיי געמאַכט האָסטו קירצער
צי לענגער דיין קלייד? — — —

יאָרן לאַנגע, אָפּטמאָל פאַרדריסלעכע,
פאַררעכנט האָסט זיי פאַר גוט,
זיינען ווינטערס און זומערס
געגאַנגען פאַרביי
אין ליכטיקן מוט.

זינגסטו איצט לידער,
ווידער פון צייטן אַמאָליקע,
פון ליבשאַפט, פון אייביקער,
טיפער פאַרוואָרצלטער
פון וואָבעדיקייט טעגלעכער.

זינגסטו ווידער די לידער
פון צייטן אַמאָליקע,
פון „אַני מאַמינ׳ס בביאת המשיח״
און האָפענונגען ליכטיקע? — — —

זינגסטו ווידער די לידער
פון שבתים און „זמירות״ צעזונגענע,
פון ימים־טובים פאַרהייליקטע
מיט התמדה געדאַוונטע.

דערמאָנסט ווידער און ווידער
די שמונה עשרה׳ס אויסגעשטאַנענע,
אויף נסים זיך אייביק געוווּנטשענע,
און דו פרעגסט איצט אין לידער,
אין צייטן היינט וועלטלעכע: — — —

די גאָרע וועלט איז אין קידער־ווידער,
ווו? — ווען? — קענען גילטן נסים פאַרהייליקטע?
ווען גופים פאַרהונגערט — פאַר׳חלש׳טע,
אין וועלט א צערודערטע
אין בלוט צעקאַליעטשעטע.

וועט ווען קומען אַ צייט,
פון נאָענט, צי פון ווייט?
ווען מענטש וועט פאַרזאָרגט זיין
מיט ברויט?
ווען וועט מענטש זיין רואיק און זאַט?
ווען וועט קומען דער אויסלייזער, דער שליח —
דער וועלט׳ס אויסגעבענקטער „משיח?״.

* * * *

זכרונות פון

דער אלטער היים

ערב שבת אין דער היים

שוין וואַסער פון פּלומפּ אין שטוב אָנגעטראָגן,
שוין טשאָלנט אין אויוון פאַררוקט
דילן צעוואַשן, ווי וואַקס אַזוי געל,
ס׳איז שבת כמעט שוין ביים שוועל.

מיט טישטעך ווייסן
פאַרשפּרייט איז דער טיש,
לייכטער שוין צעשייערט
ניט פאַרפעלט נאָך א גלאַנץ — נאָך אַ וויש!

געפלאָכטענע חלה אויף קידוש,
מיט שבת־סערוועטל פאַרדעקט
און די פיש שטאַרק געפעפערט,
האָבן די שטוב פאַרשמעקט.

מיין מאַמע אין שייטל, ווי די שכינה זי שיינט!
פאַרהייליקט אין שבת׳דיקן פאַרטעך באַנייט!,
דער טאַטע, מיט שוכוואַקס די שיך ער באַשמירט,
זיין גרייז־גרויע באָרד אין צוויי עקן צעפירט . . .

שוין קינדערשע קעפּלעך צעצוואָגן
פאַרקעמט און פאַרפלאָכטן,
אין איין ווינקל די קאַץ דאָס נעזל זיך וואַשט,
מיט צינגל באַלעקט . . .

געוועזן איז אַפילו דער דרויסן
פאַרהילט אַזוי הייליק אין פּראַכט!
שבת האָט רו
צו יידישע הערצער געבראַכט. — —

ווי ווייניק פון לעבן פאַרלאַנגט; —
זיך באַנוגנט מיט שבת׳דיק רו נאָר אַ ביסל,
מיט לויב געזאַנגען און „זמירות״
פאַר זיין ליבן געשאַנק — — —
פאַר אַ ביסעלע גרויפּן אין שיסל . . .

שוין וואַסער פון פלומפּ
אין שטוב אָנגעטראָגן,
שוין טשאָלנט אין אויוון אין הייסן פאַררוקט,
דילן צעוואַשן, ווי וואַקס אַזוי געל,
ס'איז שבת כמעט שויןביים שוועל! . . .

ווי קלאר עס צעשפיגלט זיך
דאָס בילד פאַר די אויגן; —
צעדריקט ווערט דאָס האַרץ אין פאַרקלעם.
ס'האָט אַ בלוטיקער שונא
דעם פאָרהאַנג פאַרצויגן,
צום יידיש באַשיידענעם לעבנס פאַרנעם . ..

****

יוגנט דערינערונגען

עס צאַנקט נאָך דאָס ליכטל,
פאַראומערטע קנייטל,
ס׳פאַרגייט שוין הייליקע שבת רו,
פאַרטונקלט ווערט דאָס דינע פלעמל . . .

דאָס ליכטל אין צאַנקען
וואָכעדיקייט זאָגט אָן,
און מיין האַרץ פאַרדריקט אַ בענקשאַפט
צו די יאָרן פון לאַנג אָן.

אָט צעבליצט זיך פאַר די אויגן
אַ שבת נאָך הבדלה; —
דער טאַטע בענטשט און גלעט — —
צו אונדז קינדער אזוי ליבלעך ער רעדט: —

„אַ גוטע וואָך, קינדערלעך!״
זיין שבת׳דיקע קאַפּאָטע ער טוט אויס, — — — —
און אין מיין האַרצן איצט,
הייסע בלוט גיט זודיק אַ שטויס . . .

אָט קומען צוזאַמען חברים,
מ׳צינדט אָן דאָס וואָכעדיק לעמפּל,
און מ׳מאַכט לכבוד שבת־צונאַכט,
אין „זעקס־און זעכציק״ אַ קערטל.

און אָט בין איך מיט חברים.
אַ ווינטער־שבת אויף שפּאַציר; —
עס סקריפּעט פאַרפרוירענער שניי,
אונטער אויסגעבעטע גומענע קאַלאָשן. — — — —

ווינטער־שבת אומפאַרגעסלעכער!
דיין יוגנט פונק איז ניט פאַרלאָשן . . .

די באַקן רויט, יוגנט גליט,
דער נאָז ציט פּראָסטיק לופט
אין זיך אריין, — — —
און ס׳איז דיר וואַרעם גאָר
אין זילבער־פּראַסטיק זון־צעשיין . . .

און אָט, אין מיין וויזיע זיך באַווייזט
מיין ליבע מומע באַשע־ריווע,
פאַר מיר העַנטשקעלעך זי שטריקט,
און אַ שאַליקל פון שעפּסן וואָל.
אָ! דערינערונגען גליקלעכע אָן צאָל!
ווי פאַרשטילט מען דאָס פאַרקלעמטע,
דאָס הייס פלאַמיקע נאָגן?
ווי קען מען אין ווערטער,
טיפע בענקשאַפט אַרויסזאָגן? — — —

ווי אומרואיק און בלייך
דו צאַנקסט, מיין ליכט,
פאַראייביק איך, פארשטעמפּל און פאַריכט,
דאָס ליבסטע וואָס קומט מער ניט צוריק . ..

* * * *

ווינטער אין דער אַלטער היים

אין בענקשאַפט

אַן אָוונט אין דער היים ווינטערצייט,
ווי בערן פאַרפרוירן די פענצטער,
די לאָדן זיינען שוין צו —
עס באַקט זיך אין אויוון קאַרטאָפל
צעשניטן האָט די מאָמע אַ הערינג דערצו.

„וואַרעמט זיך קינדער ביים אויוון,
טיי אין קעסל שוין זידט,
קאַרטאָפליעס מיט הערינג די סעודה,
און קאָרענער־ראָזאָווע ברויט. — — —

„מאַכט אַ ברכה , ליבע קינדער,
לויבט די פרי, די גוטע, פון דער ערד,
גיט אָפּ שבח צום בורא־עולם,
זיין חסד אונדז איז באַשערט.״

און אין אויוון דאָס פייער צעקנאַקט זיך,
צעזשאַרעט, רויט שוין די קוילן,
קאַרטאָפליעס פאַרברוינט אינ׳ם אַש
און מאַמע וועט סעודה די גוטע צעטיילן.

אזוי ווייניק פון לעבן פאַרלאַנגט,
אַ יום טוב, אַן עכטער,
מיט הערינג און קאַרטאָפל,
און אַ דאַנק דיר גאָט, אונדזער גערעכטער! . . .

ווי ליב איז געווען דאָס לעבן,
שבת קומט דאָך באַלד אָן!
דער קדוש, די זמירות,
דער טשאָלנט אין אויוון,
און אַלמעכטיקער גאָט אויבן אָן! . . . — — — —

,,יה רבון עלם״ מיר זינגען צוזאַמען,
מלאָכים שוועבן אַרום אונדזער טיש,
עס בענקט מיין הארץ,
און אַ טרער פון אויג איך פאַרוויש.

****

דאָס יאַיכל

אויף ליימענער פּליטע
קאָכט זיך אַ יאַיכל,
פון גערגל, פּופּיק
און פון פּיסלעך אַ מאכל.

אַ יאַיכל מיט ציבעלע, מערן
מיט פּעפּער און זאַלץ,
מיט בולבע און גרויפּן,
ווי פאַרפּרעגלט מיט שמאַלץ.

אַ סעודה ווי הייליקער יום טוב דערהויבן,
גלייכן צו דעם קען זיך קיינער.
צעעפנטע ליכטיקע, אָפענע אויגן,
עס וואַרטן געדולדיקע קינדערשע ציינער.

שוין טעלער צעשטעלט,
ברויט אויך צעטיילט,
און מאָטיע דער טויבער, — —
אַ מעשה דערציילט;
„געווען איז א פּרוש, אַ בחור אַן אַלטער,
זיין גאַנץ לעבן געהונגערט,
אין אמונה, עקשנות, אין קלייזל דער קאַלטער,
גערדאַנק האָט אין גלות געוואַנדערט.

געהאַט האָט קיין ווייב, קיין קינד,
קיין אָנשפּאַר, קיין לאַנד,
קיין שאָף, קיין רינד,
נאָר א שטעקן אַ גרויסן אין האַנט.

אַ באַשיצונג פון הינט,
ווי עס טרעפט זיך אין וועג . . .
געפאַסט תעניתים,
פון האָניק פאַרזוכט האָט קיין לעק” . . .

אַזוי ציט די עצמות
מאָטיע דער טויבער,
דערציילט באַריכות
די מעשה אַלץ לענגער, גענויער.

און קינדערשע אויגן,
מיט הערצלעך פאַרקלעמטע,
בליקן צום יאַיכל
צום טעפל געווענדטע.

דערפילט האָט די מאַמע . . .
זי ווישט זיך פונ׳ם שטערן איר שווייס, — — —
ביז עס קאָכט שוין דאָס יאַיכל
פונ׳ם טעפל אַרויס . . .

און מאָטיע דער טויבער,
מיט הענט גאָר צעשפּרייטע
האַלט אין דערציילן; — — —
ווי הייליק דער פּרוש
דער בחור, דער אלטער
לערנט גמרא און דרעמלט
אין קלייזל — — — אויף דער באַנק,
אויף דער איינגעזעסענער האַרטער . . .

„גענוג שוין, מאָטיע!
לאָז צורו דיין דערציילן,
עס הונגערט דאָך קינדערשע בייכל
נאָכ׳ן פּענעצל ברויט,
נאָך אַ שמעקעדיק יאַיכל.״

אויף ליימענער פּליטע,
צעקאָכט האָט זיך דאָס יאַיכל,
פון גערגל, פון פּופּיק
און פון פּיסלעך דאָס מאַכל! . . .

****

ביים טייכל
ערשטער טאָג פּסח 1919טן יאָר

(געווידמעט מיין פאַרטרוילעכן פריינט פּאָלין סטראַמבערג)

מילד — וואַרעם דער פרימאָרגן,
גיי איך מיר אַרויס שפּאַצירן,
אין מיין נייער יום טוב קליידל,
אין מיינע נייאינקע פאַנטאָפל.

איך לויף צום טייכל, אים באַגריסן,
מיט אים אַ שמועס צו פאַרפירן —
ליכטיק איז מיין פרילינג מאָרגן,
כ׳בין אויסגעטאָן פון אַלע מיינע זאָרגן.

אין דער פרישער פרילינג לופט,
לכבוד גרויסן יום טוב וועגן,
געקומען בין איך מיט פרייד
דיך טייכעלע אַנטקעגן! — —

ניט געקומען וועש צו שווענקען,
ניט געבראַכט היינט נאַסע גרעט,
דיינע שוימענדיקע כוואַליעס
ווי זיי פליסן אין געוועט
אין מיין יונג־קינדערישע וועלט
דיך באַטראַכטן זיך געשטעלט. — — —

****

ביים זעלבן טייכל 1975
אָט פונקט ווי געווען אַמאָל

(געווידמעט מיין פּארטרויליכן פריינט פאַלין סטראַמבערג)

טייכעלע, קלאָרער קרישטאָל!
דיינע שטיינדעלעך מיט מאָך באַוואָקסן —
דאָס בערגעלע צעגרינט
אָט, ווי געווען אַמאָל! — — —

בלימעלעך געלינקע, קיינמאָל פאַרזייטע,
אין שאָטנס פון ביימער,
אויף ערד פריש צעשפּראָצטע,
אַקוראַט ווי געווען אַמאָל! — — —

אָן אויפהער די וואַסערן
זוניק צעשיינטע,
זיי שוימען און פליסן,
ווינטעלעך גלעטן און ברעגעס פאַרגיסן — — —

און גראָזן יונגע צעגרינט אַרום טייכל,
זיי בליען, זיי שפּראָצן נאָך — עד היום,
נאָר אַ יידן אין די אויגן,
טרעפן קענסטו שוין דאָרט קוים.

און קיין מאַמעס, און קיין טאַטעס
יידישע, אויף גאַסן, — — —
קיין יינגעלע מיט חומש אין זיין האַנט,
קיין יידישע מיידעלעך מיט פילקעלע זיך שפּילן, — —

פליסטו, טרער מיינס, זודיק הייסע, —
אויף צעקנייטשטן פּנים נאַסן. — — —

און איך שטיי דאָ אַ צעקלעמטע
אין מיינע ווייטע קינדער־יאָרן,
כ׳באַדויער קערנער־ליבשאַפט, לאַנג פאַרזייטע,
מיינע האַרציקע — באַגערטע — — —

דאָרט אין שול־גאַס פון קדמונים,
האָט געליכטיקט דער בית־המדרש,
אַנטקעגן — די גרויסע שבת־יום־טובדיקע שול,
מיט יידן תמיד איז געווען פול.

ניגונים וויגנדיקע, פארהייליקטע אין „שיר השירים״,
זמירות הילכיקע פאַרקלונגען ט׳אונדזער גאַס,
און אַט — מיין פנים,
ווערסט שוין ווידער נאַס? — — —

וויש אויף שנעל פאַרטרערטע אויגן אויס,
נעם דאָס טיפע האָפענונג צונויף,
שטאַרק דיין האַרץ, גיי פאָרויס,
נייעם גאַנג אין דיין געדאַנק שפּין אויס! . . .

פאַרבינד דיין גורל אויף דאָס ניי,
מיט אַלט־ניי לאַנד, אונדזערס אויסגעבענקט,
שטרעב צו שלום, און יושר באַניי,
מיט פריינטשאַפט פעלקערדיקער זיי געבענטשט! . .

און אין דרויסן ז׳וואַרעם, מילד,
אין פרימאָרגן, ווי אַמאָל,
בלאָזט אַ ווינטל, און עס קילט
ווייעט אָן נייע בענקשאַפטן אָן צאָל.

* * * *

מיין חלום

אַ שאַפע, אַ בעטל,
אַ טיש און אַ באַנק,
שווימען אויף פון אויבן
פון טיף אין געדאַנק . . .

אַ פאַרטעך, אַ רעקל,
אַ קאַפטאַן, אַ שאַל,
טאַנצן אינאיינעם
אַ רונדן קאַדריל . . .

אין מיטן כלי־זמרים,
מיט סענדער דעם באַס,
שפּילן אַ ניגון,
אַליין אים פאַרפאַסט.

און דווקא אויך איך
צוזאַמען מיט זיי.
אין אַ קלייד אַזאַ לאַנגן,
אַ ווייסן ווי שניי.

איך טאַנץ און איך שפּרינג,
דעם אָטעם כ׳פאַרצי,
ביז אויפגעוועקט האָט מיר,
די קעלט אין דערפרי.

אַ שאָד! אוי — אוי, אַ שאָד!
נאָך טאַנצן איך וויל, אינאיינעם מיט זיי,
אינם קלייד אינם לאנגן,
אינם ווייסן ווי שניי . . .

****

מיין מאמעס ווארט

(צווייטער טאָג ראָש השנה)

„פאַרצייכן, טאָכטער מיינע,
געפילן דיינע, פאַרקלעמטע,
וואָס זעסטו איצט אין דער טיפעניש
פון דיין נשמה?״

מיין טאַטן, מיין פרומען
אין קיטל אין ווייסן,
מיט ניגון געזאַלבטן
אין הייליקן געבעט!
צום הימל זיין שאַלן,
זיינע הייליק, לירישע טרעלן;
אין מיין האַרצן טיף זיי צעגייען . . .
עס וויל מיין טאטע כסדר
טיפן גלויבן יידישן פאַרזייען. — — —

מיין מאַמע אין אויער
שטיל אין מיר זי סודעט;
„חיה רחלע! לויף איצט ניט אין דרויסן,
הער צו דאָס זיסע געבעט, דיין טאַטנס . . .
ווי געשמאַק ער זינגט;
ס'איז גרויס דער יום־טוב ביי אונדז יידן! — — —
ער בעט גאָט פאר דיר,
פאַר דיינע שוועסטערלעך און ברודער,
פאר כל ישראל:

״גאָטעניו, זיין געבעט דערהער,
פינצטערע גזירות, רדיפות צעשטער!״

און אין דרויסן דאָס יונגוואַרג,
גרויס אין גערודער — — —
עס ציט מיך צו זיי,

ניט ווײַנען, ניט דאַווענען איך וויל איצט,
ווען יום־טוב אין דרויסן איז פרײלעך,
מ׳קען שטיפן און לאַכן,
אין אונדזער שול־גאַס, דער יידישער.

איך זע איצט, איך פיל איצט
מײַן אַרויסלויף פון שטוב
צום פרײלעכן יונגוואַרג. — — —
צעדריקט, צעקראַמפט ווערט איצט —
אין שווערע מינוטן, מײַן האַרץ.
און טיף איז מײַן נשמה צו בענקשאַפט —
צום אַמאָל, צו דאָס יונגע,
דאָס געוועזענע, דאָס ליבלעכע,
צו מײַן היים, מײַן גוטע —
מײַן יידישע! . . .

****

ראש השנה צו תשליך

ס׳האָבן יידן פון שטעטל באַוועגט זיך
צום הילצערנעם בריק —
צו תשליך, ווו שוימענדיק וואַסער
געגעבן האָט האָפענונג און גליק . . .

צעזילבערט, געהוזשעט האָט טייכל,
אַ סימן — זינד גאַנציאָריקע פאַרגיט.
האָבן יידן פון קעשענעס פולע
געטרייסלט עבירות געניט . . .

אַ יום־טוב געווען איז פאַר יידישן קינד
דאָס צעזילבערטע וואַסער, מיט שטיינדלעך צעשיינט.
וואָלט זיך דאָס טייכל דערפרייט אויך אַצינד
עס וואָלט ווידער זיין פריינטשאַפט באַנייט . . .

פאַרוווּנדערט פרעגט זיך איצט וואַסערל נאָך,
זינדיקן יידן איצט שוין נישט מער?
פאַרשטייט ניט דער טייך אונדזער יידישן בראָך,
און ער גיט זיך אין יאוש אַ קלער: —

פאַרוואָס זעט מען קיין יידן
ראש־השנה בײם טייך,
צו תשליך מיט זינד אין די פאָלעס,
זיך באַקלאָגן אויף ביטערע דאָליעס?

פאַרבענקט, צעכוואַליעט זיך דער טייך,
נאָך יענע מורא׳דיקע תפילה־טעג,
נאָך עבירות צעמורמלט, פון סודות בלייך,
ווען פאַרגעבן זינד, פלעגט ער יידן אין וועג . . .

וואָלט זיך דעם טייך ווידער איצט וועלן
דערפילן אין וואַסער די „יידישע טרער״,
דאָס זינדיקע שעפּטשען דערהערן,
מוחל זיין זינד, וואָלט געווען ניט צו שווער . . .

און אונטערן באַרג כוואַליעט קרישטאָלענער טייך,
געווען איז אַ שטעטל מיט יידן גאָר רייך.
ניטאָ מער ווען מיט פאַרגעבונג באַגליקן . . .

מיר דאַנקן דיר וואַסערל, וואַסערל קלאָר!
אַ דאַנק פאר עבירות פיליאָריקע, פאַרגעבן!
עס וועט פון איצט אָן אונדזער אינגערער דור,
אליין זיך פאַרשרייבן זיין גורל אין לעבן . . .

****

מיין מאַמעס טרער*

(ערב פסח, אַ פּראַסטיק באַגינען 1921)

אין אַ ווינטער קאַלטן מאַרק־טאָג,
ווען אַלץ אַרום געווען איז נעפּלדיק פאַרשלאָפן,
איז מיין מאַמע, אין מיט׳ן „מודה אַני״ זאָגן,
מיט איר קאָשעק איילנדיק
צום מאַרק אוועקגעלאָפן.
טאָמער מאַכט זיך וואָס צו קויפן?
אַ הון, אַ גענדזל, צי אַ קאַטשקע,
און אין שטאָק פינצטערניש פאַרטאָג
מענטשן לויפן — — —
קונים מער ווי סחורה אויפ׳ן וואָגן.

„באַטיושקאַ! וויפל ווילסטו פאַר דיין גענדזל?״
טוט מיין מאַמע מילד, דעם פּויערל אַ פרעג,
און דער פּויער מיט גרויס חוצפּה
שמיצט זיין פערד, זיין אַלטע שקאַפּע
און צערעוועט זיך אויף בייזן קול: — ——
„טי זשידאָווקע!, די וועלט פאַר דיר איז גאָר אַ קנאַפּע!״

שפּרינגט די אלטע שקאַראַבאַנדע,
מאָרדע פערדישע גדלות׳דיק פאַריסן, — — —
ווי עס שטייט אים אויך ניט אָן דער קונה,
האָט מיין מאַמע ליפּן אירע איינגעביסן; —
„זעט נאָר, יידן, אַ בעל העזה׳ניק אַזוינער!
אַזא יאָר! — אַזא מזל
אויף אַלע ויסטע שונאים!״
מורמלט שטיל פאַר זיך מיין מאַמע,
וויי געטאָן צופיל,
האָט עס איר מסתמא . . .

זי קומט אהיים
ליידיק איז איר קאָשעק,
ווי אין קלעם אַלע אירע גלידער,

*(נישט איבערזעצט אויף ענגליש)

פאַר אירע אויגן שווינדלט חוצפּה׳דיקער פייער
מיט זיין לאָשעק,
ווי זיין בייטש שמיצט פאַרביי איר פּנים ווידער . . .
„אַז אָך און וויי, מיין ייד!,
ביזט אין גלות
אַ ליאַדע איינער לאַכט דיך אויס אין פּנים,
אַזאַ מזל! — אַזאַ יאָר,
אויף אַלע וויסטע שונאים!״ . . .

און פון זיך אַרויסגערעדט,
מיט אַ טרער זיך גלאַט אזוי פאַרביסן, — —
פאַרטרערטן פּנים מיט פאַרטעך אָפּגעווישט,
און זיך פון מיינע הענט אַרויסגעריסן.
צוריק אין מאַרק זי איז אַוועק,
מ׳קען דעם מאַרק־טאָג ניט דורכלאָזן; — — —
אין שטוב עסן איז כמעט נישטאָ אַ לעק,
אויף גאָט׳ס באַראָט שוער זיך צו פאַרלאָזן . . .

מאַמע מיינע!
דיין צעקלעמט — אחריותדיקע טרער
פאַרעקשנט, פאַרזייט האָט אַ זוימעלע אין מיר,
אַ האַלב־יאָרהונדערט איז שוין דאָ דערביי,
און היינט נאָך, לעב איך עס איבער פונדאָסניי.

איך פיל אָפט איר טרויעריקן באַריר,
שוין האַלב־יאָרהונדערט!
און מיין מאַמעס טרער,
צאַפּלט נאָך אלץ אין מיר.

* * * *

מיין טאַטנס ירושה

מיין טאַטע האט מיר אַ ירושה געלאָזן,
אַ ירושה, וואָס קיין ווינט וועט ניט קענען פאַרבלאָזן.
אויף מיין באַק איז גערונען זיין געזאַלצענע טרער
הייס און פאַרשטיקט — מיין טאַטנס באַגער.

איך רעד צו דיר, טאַטע, אָן ווערטער, קאָנסט זען.
מיין שווייגן — נאָר דו קענסט פארשטיין.
דו ביזט מיר אין מיין יוגנט געווען,
ווי אַ דערלייזער, וואס קומט פלוצים צוגיין . . .

זאָג טאַטע, נאָר זאָג, ווו האָסטו גענומען
דיין וויסן? — אויף שול־באַנק ביסט לאַנג ניט געזעסן.
צו דיין שוויגער ביסטו אויף קעסט אָנגעקומען,
און געדאַרפט ביי איר ברויט אין אויוון איינזעצן.

אין קלויז אויף דער באַנק, צי שטול ביי דעם שטענדער,
געלערנט האָסטו און וויסן געזוכט,
אין די קליינע אות׳עלעך ניט געווען ביסט אַ פרעמדער,
אויף דעם טעם פון „עסן טעג״ האָסטו פאַרזוכט.

דו האָסט מיר אין האַרצן דיין ניגון פאַרזייט,
נאָך קלינגען די טענער, נאָך הער איך דיין שטים.
איך טראָג זיי אין זיך, ווי אין פאָלדן פאַרנייט
מיט ליבשאַפט, איך היט זיי, איך נעם זיי אַרום.

„קום חיה רחל, קום, און הער זיך נאָר צו,
פארשטייסט דאָך דעם טייטש, פון „עין יעקב״ די עברי,
דיין קעפּל איז שאַרף ווי א בליץ,
לערן, לערן, מיין קינד, ס׳וועט קומען צוניץ.״

ס׳האָט מיין טאַטע געלערנט מיט מיר עין יעקב,
און איך האָב געפּרעגט אַפּיקורסישע פראַגן;
דער טאַטע, ווי ער וואָלט עס קאָנען פאַרטראָגן,
געפרווט האָט מיר קלוג עפּעס זאָגן:

„מיין קינד, דו פֿאַרשטייסט ניט, טיף איז די תּורה!
פֿרעגן איז גרינג, אָבער ענטפֿערן איז שווער.
מ׳דאַרף לערנען, ניט פֿרעגן, און דאָך וועסט פֿאַרשטיין
וואָס איז וואָס, און ווער איז ווער״ . . .

אָט די דאָזיקע ווערטער, טאַטע מיינער, זענען
פֿאַר מיר דאָס געשאַנק, דיין ירושה.
דיין ענטפֿער דעם מילדן, און טיף ווי ער איז,
טייער איך האַלט, אין אייביקער קדושה . . .

איך געדענק ווי מיר האָבן זיך ביידע געזעגנט.
דו האָסט געוויינט, די טרערן האָבן גערונען.
געפֿילט האָב איך, טאַטע, די טרערן די הייסע,
און איך האָב באַנומען, באַנומען . . .

„איך פֿאָר דאָך פֿון דיר ניט אויף אייביק אַוועק,
נאָך וועלן מיר זען זיך, האָב קיין יסורים,
גיב אַכטונג אויף זיך, קאָנסט ציילן די טעג,
צוגאַסט וועל איך קומען, אויף פּסח, אויף פּורים . . . ״

ס׳האָט דער טאַטע, מיין גוטער, געוואַרט און געוואַרט.
זיין טאָכטער די ליבע איז שוין קיינמאָל געקומען.
געשריבן האָט ער בריוולעך, מיט געזונט מיך גענאַרט,
און צו יאָרן 98 האָט אַ סוף אויך גענומען . . .

געבליבן איז מיר בירושה זיין געזאַלצענע טרער,
איך פֿיל ווי זי טריקנט זיך קיינמאָל ניט אויס . . .
אָפֿט, ווען עס ווערט אויפֿן האַרצן מיר שווער,
גייסטו, טאַטע, פֿון מיין זינען ניט אַרויס.

דער טאַטע האָט מיר אַ ירושה געלאָזן,
אַ ירושה, וואָס קאָן קיין ווינט ניט פֿאַרבלאָזן.
אויף מיין באַק נאָך רינט געזאַלצענע טרער
הייס פֿאַרשטיקט — פֿון מיין טאַטנס באַגער . . .

* * * *

געוועז אַמאָל אַ שטעטל אויף יענער זייט ים

טראַכט איך מיר פון יאָרן גאָר יונגע;
ווען געוועז איז דאָס לעבן
מיט פרילינגס צעוואַרעמט,
ווען אויף די שוועלן פון שטיבלעך
אין אַמאָליקן שטעטל,
די קינדערלעך יידישע,
מיט אויגן ווי קארשן,
און קעפּלעך מיט לאָקן —
צעוואָרפענע — שוואַרצע . . .

אין איין קינדיש הענטל
א בולבע געבאַקטע,
אין צווייטער המוציא
שווארצער — קאָרענער ברויט,
א קריגל מיט וואַסער, קאַלטע און קלאָרע,
פון ברונעם געשעפּט האָט די מאַמע. — — — —
און די זון אַזאַ וואָרעמע,
א ליכטיק צעשיינטע,
האָט אויפגעלעבט קינדערלעך
פריילעכע, זאַטע . . .

שפּילן זיך קינדער
אין שטיינדלעך, אין צייכן,
פארשפּאָרן מערער צו מאָנען,
פארשפּאָרן מערער צו פארלאנגען . . .
און ס'וואַקסן די קינדער
אין שטעטל דעם אַלטן.

אין חדרביים רבי׳ן קול׳כעלעך קלינגען,
דער אייביקער „אלף־בית״;
„קמץ אלף, אָ — — — קמץ בית, באָ״ — — — —
און ליב איז געווען דאָס לעבן.
ניט געוווסט פון בעסערס,
ניט פאַרלאַנגט האָבן גרעסערס.
דער רבי מיטן טייטל,
אויף דער „אלף־בית זייטל
קנעלט מיט קינדערלעך קליינע,
מיט קעפּעלעך יונגע.

מ׳לערנט שוין „חומש״,
מ׳פּארטייטשט שוין „תנך״,
מ׳חזר׳ט שוין טיפזיניק „רשי״
מיט קינדערלעך בלאַסע.
און עס גרויסט זיך דער לערער
מיט תלמידימלעך זיינע,
„סארא קעפּלעך שארפע!
פאר טאַטע־מאַמע געבענטשטע!״

— — — — — — —

אָבער שונאים אין יידישן גלות
ניט פארגונען דעם יידן
דאָס אָרימע לעבן;
אין הארצן, אין זייערן,
נאָר שינאה, נאָר קינאה געגראָבן,
נייע, אלץ נייע בלבולים באשאפן.

— — — — — — —

צעלויפן זיך יידן
אין אלע פיר עקן, א לעבן א נייעם צו שמידן,
אין הענט — דעם וואַנדער־שטעקן . . .

— — — — — — —

געווען אמאָל אַ יידיש שטעטל;
מיט זיידעס, מיט באָבעס,
מיט טאַטעס און מאַמעס,
מיט שוועסטער און ברידער,
מיט משפּחות יידישע פון יאָרהונדערטער;
פאַרצווייגטע, איינגעזעסענע
אויף ערד דער שטעטלשער,
אין לופט דער היימישער,
און פאַרשוואונדן די לעבנס זיינען
ווי טוי אין פרימאָרגן,
פאַרשפּאַרט האָבן שוין יידן צו זאָרגן.

געווען אמאָל א יידיש שטעטל,
אויף יענער זייט ים,
דערמאָן איך, מיט ווייטיק, דעם חורבן,
ניט גלאַט אזוי זיך, — — —
ניט גלאַט אזוי זיך, — — —
ניט גלאַט אזוי זיך סתם! . .
אונדזער חרוב יידיש שטעטל
אויף יענער זייט ים.

* * * *

נאַטור לידער

דער אלטער בוים

שטייט דער אַלטער בוים נאַקעט, אומבאַשיצט,
זיינע צווייגן פאַרטריקנט, פאַרוועלקט,
פיליאָריקער קנייטש זיין שטאַם צעקריצט —
האָט שטורעם — ווינט, און קעלט.

שטום, ווי פאַרשלאָפן די מראה פון בוים,
אין שניי, אין אייז אַנגעגורט.
דוכט זיך; אָן לעבן — געזשופּעט האָט קוים,
ווען אָטעם פרישער האָט אָנגעזאָגט; געבורט . .

צעשיינט האָט וואַרעם זון, איין פרימאָרגן,
צעקניפּט פאַרשלאָפענע צווייגן,
צעלאָכט פונ׳ם שניי, פון פראָסטיקע זאָרגן,
אַ סוף צום האַלב־יאָריקן שווייגן . . .

צעווינטיקט צעבלעטערטן אויפשטאַנד,
צעשטורעמט מיט לעבן און לופט
אין אימפּעטדיקן פרימאַרגן,
צעפּראַלט זיין יוגנט, זיין דופט.

האָט בוים פון שלאָף אַליין זיך צעוועקט?
ווער האָט אים געגעבן זיין צוויבער. זיין קראַפט?
איז דער מענטש אים אַ שותף, אַ באהילפיקע האַנט?
געטראָגן דעם יאָך האָבן זיי זאַלבאַנאנד. — —

איז לויב און געזאַנג צו דער שותפות
מיט אַחריות פאַראייניקט.
זייער מי, זייער ליבשאַפט די עדות,
אין זון־צעשטראַל פאַרהייליקט.

ווי ליב ז׳דעם בוים געבענטשטן,
נאָך לאַנגן, קאַלטן ווינטער,
ווען שפּראָץ פון שטאַם דערוואַכטן
צעוועקט האָט זיינע קינדער! . . .

* * * *

פרילינג 1953

(געווידמעט מײַן אײניקל קלעי צו זײַן געבורטסטאָג אַפּריל 30, 1953)

ביימער שטאָלצע אין דערוואַכונג,
חלום יונגער — נייער פרילינג, —
באַלד וועט אויפלעבן צעבליאונג
בלעטעלעך ווי אויסגעשניצטער צווילינג.
וואַרט דאָס לעבן אויף געבורט,
מיט פרייד און האָפענונג אָנגעגורט! . . .

שאָקלט ווינט בלעטער אַלטע,
וועקט פון שלאָף
בלימעלעך — קעפּעלעך צעפּראַלטע,
סודען זיך ביימער אויף זייער לשון,
בויגן זיך האָרציק הין און צוריק,
שוין קערנדלעך צעדראָשן,
רעגן וואַסער גיב אַ שיק!

קומט אָן שטורעם, בליץ און רעגן,
באַוואַסערט שנעל אַלע ברעגן,
און דער ווינט, דער גרויסער אומרו
לאָזט קיין בלי פון צווייגעלע צורו;
רייסט אָפּ גיך, אָן רחמנות
בליאונגען געבוירענע נאָרוואָס,
לאַכט זיך וואָרצל מיט עקשנות;
„ניט צעשטערן קענסטו דאָס!”

פאַרדריסט דער זון די גרויסע חוצפּה
פון דעם עזותדיקן ווינט,
גיט אַ דריי אויף גיך דאָס רעדל,
צעוואַרעמט נייע לעבנס אויף געשווינט.

קוקט פון נידער יונג־געל בלימל,
כאַפּט זיך אויף פון לאַנגן דרימל,
גיט אַ ווונק אונדז מיט'ן אויג,
אָט ווי אַ זאָג טאָן זיך אָזוי:

„לעבן הייבט זיך אָן פון רוי,
שטאַרקער איז עס פונ'ם ווינט, — — — —
איינס ווערט פארלוירן,
דאָס צווייטע אויף זיין אָרט געבוירן."

שמייכלט זון — שטראַליקער בליק,
באַשענקט דער ערד שפּראָצונגען נייע,
וואַכן הערצער אויף פון גליק,
און לופט, זי שמעקט אַ פרישע, אַ פרייע!

שטייען ביימער שטאָלץ, אָט ווי מיט גאווה,
אויסגעחלומט! — גרויס די מעלה,
איז דער פרילינג שוין געקומען,
אונדז מיט פרייד אַרומגענומען! . . .

* * * *

מיין פלוימען בוים

פאַרנאַכט, — — —
ווען די זון האָט אין פאַרגיין געהאַלטן
און אירע לעצטע, רויטע זונען־שטראַלן
אויף מיין צעבליטן בוים געוואָרפן,
האָב איך מיין אַלטן פלוימען־בוים
באַטראַכט: — — —

צען יאָר געשטאַנען ביזטו, מיין בוים!
געגרינט, געבליט אין פרילינגס, — —
נאָר פרוכטן האָסטו ניט געגעבן.
און מיטאַמאָל האָסטו זיך צעבליט
נאָך לאַנגן, שווערן צען־יאָריקן ווינטער
אין זילבער־ווייסן צוויט!

ווי צו שפיגלען זיך אין דיר,
און צעשמייכלט האָסטו זיך צו מיר . . .
האָסט, מיין פלוימען־בוים,
צעשפרייט זיך
ווי אַ ברייטע בעל־הביתטע, הויך און ברייט,
באַפּרוכפּערט צווייגן
מיט גרין האַלב־צייטיקע פלוימען
און דיינע אויפגעשפּראָצטע ווייסע בלימעלעך
פאַרוואַנדלט אין האַלב קיילעכדיקע
גרינינקע געוויקסן.

און נאָך די יאָרן, די צען — —
דער וואונדער פון אויפבלי איז געשען.

ווי פריש, ווי פּרוכפּערדיק
אַרומגערינגלט ביזט געוואָרן
מיט גרינע יאָדערדיקע פּרוכטן,
אַזש צווייגן דיינע
פון דער שווערער משא,
האַלטן זיך אין בויגן.

מיין געבענטשטער פלוימען בוים!
ווערסטו אויסהאלטן עס קענען?
וועסט זיך ניט איינברעכן, חלילה?
אַז דערלעבן זאָלסטו זען
פּרוכטן דיינע צייטיקע,
ווען מענטש וועט מאַכן „שהחיינו״,
איבער פלוימען דיינע זאַפטיקע.

און זיין ברכה וועט ער שענקען
די וואונדער גרויסע, דיינע „אויסגעטראָגענע״ . . .

כדאי ז׳געוועזן דאָס וואַרטן —
מיין פלוימען־בוים געדולדיקער,
אויף דיין אויפבלי, אונדז געגאַרטן
פרייד — וואונדער אייביקער! . . .

* * * *

דאָס פייגעלע

פלעכט זיך פייגל, גראָז מיט שטרויעלע,
אויף גרינער, דאַרער צווייגעלע,
בויט אַ נעסטעלע אַ קונציקע,
אָ ווארעמע — — — אַ ווייכינקע.

לייגט זי דאָרטן אייערלעך,
און יונגינקע משפּחה׳לע
וועט וואַקסן און וועט טוליען זיך,
וועט זינגען און וועט מערן זיך.

מאַמע פויגל אין איילנדיקן פלאַטער,
אין שנעבעלע זי טראָגט
אַ פּעטע — נאַסע ווערימל
אַ סעודה׳לע, אַ יום־טוב׳דיקע זאַטע . . .

פריידיק לעבט דאס פייגעלע,
מיט אירע קליינע עופעלעך,
זי פליט, זי זינגט און רוט ווען זי וויל,
ווי גוט איר איז, ווי ווויל! . . .

זינגט זי זיך אַ ניגונדל,
אויף האַרציק דינע טענער
צום באַוואונדערן איר נאָר,
ווי אַ געניטער נאָטן קענער! . . .

און פאַר׳ן מענטש,
דעם גרויסן העלד,
פאַרשאַפט זי אינערלעכע פרייד — —
זי זאָגט אָן:

,,פרילינג איז דאָך
אין דער לופט,
מענטש! געניס אויך דו,
פון בלומענדיקן דופט.

פאַראָטעם טיף אין זיך
פון דער נאַטור די פראַכט,
אין דיינע הענט
ליגט דאָך שטאַרקע מאַכט . . .

מענטש! זינג אויך דו, גרויסער גיבור!
אויף די העכסטע טענער — —
מיט דיין וואָרט, מיט דיין טאַט,
מאַך די וועלט נאָך שענער! . ..

* * * *

א פרילינג פרימאָרגן*

אַ גוט מאָרגן דיר,
מיין טאָג, מיין נייער!
איך נעם דיך אַרום
אין לופט דער פרייער.

עס פישטשען פייגעלעך אויף צווייגן,
קעפּעלעך צו בלימעלעך זיי נייגן, —
מעלאָדיעס זיסע — לופטיקע אין די הויכן,
אַזש צום האַרצן זיי דערגרייכן! — —

שאָטנס פייגלשע אויףביימער,
אויף בייטן אויסגעשפּרייטע ליגן,
עס ווערן לאָנקעס ניי־צעגרינטע —
ווי פון שלאָף פרילינגדיק צעוועקטע.

און בלימעלעך יונגע, — — —
געלינקע צעפּראַלטע,
פרילינג אָנגעזאָגט;
וויפל פרייד, וויפל פרייד,
עס פאַרמאָגט!

און די רויזן אין הימלישע קאָלירן,
גרויסער וואונדער — — אין לשער,
אין פרילינג זיג
זיי פאַראַדירן! — — —

בלומען יונגע אין פיל־פאָרביקע מונדירן,
גרינען גראָזן ווי ווייכער סאַמעט,

*(ניט איבערזעצט אויף ענגליש)

גאָטעניו! נאָר ניט צעטרעטן,
עס באַשיצן!
די „סימפאָניע״ ניט צעשטערן! . . .

פייגעלעך אין הויכע הויכן,
ציען ניגונדיק הילכיקע אַקאָרדן,
געזאַנגען זיסע, לופטיקע זיך הערן,
טיף צום האַרצן זיי דערגרייכן . . . — — —

און די זון וואַרעמט אַ מחיה!
אויסגעגלאַנצט, אָט ווי אַ נייע, —
און דער הימל ליכטיק בלוי,
אַ וואַרעם ווינטל בלאָזט
און גלעט אַזוי! . . .

****

פאַרפלאַנצט אַ בוים*

(געווידמעט הערשלען)

ווי אויסגעוואָקסן דו ביסט, מיין בוים!
דערגרייכסט שוין באַלד צום דאַך.
באַצירט מיט גרין דעם הימל־רוים,
און צערעדט האָסט זיך אויף ביימער־שפּראַך.

אָט, דוכט זיך, גאָרנישט לאַנג
פאַרפלאַנצט דעם בוים האָט הערשל ליבער;
טיף — גאָר טיף ס׳טוט וויי, ס׳טוט באַנג —
זיין באַקרוינטער פרוכטבאַרער געשאַנק.

ניט באַשערט געווען אים זען,
אויפבלי פון זיין געצערטלט בוים!
אַ ירושה אונדז זיין מי,
איצט אין פּרעכטיק־גרין צעבלי.

ווי הויך און שלאַנק דו ביסט, מיין בוים!
דיינע צווייגן גרין צעבליט.
אין דיין שטאַרקן שטאַם
האָסט בלעטלעך אַחריות׳דיק פאַרהיט.

בייזע ווינטן, שטורעמס, קעלטן,
האָבן דיך גערייצט, געוואָרנט;
און דו, מיין בוים, מיט דיין עקשנות
„איינגעלייגט״ האָסט אַלע וועלטן . . .

האָסט נחת שוין דערלעבט —
קינדער דיינע גרינינקע
מיט האָפענונג און גלויבן
אין דיין בוים־האַרץ איינגעוועבט.

אַ גוטער אויפשטאַנד דיר —
מיין בוים, מיין העלד!
ווי באַזינגט מען דיך, מיין ליבער?
האָסט לעבנס־שטראָם פאַר מענטש צעהעלט;
זיי געבענטשט און פרוכפּערדיק ווידער!

* * * *

*נישט איבערזעצט אויף ענגליש

*פרילינג

(געווידמעט דייוועלען צו זיין געבורטסטאָג אפּריל 24טן, 1962)

פרימאָרגן לויטער זוניקער
באַגליקט מיט פרילינג לופט.
פייגל סווישטשעריי
צום נייעם לעבן רופט!

בענקט מיין האַרץ אומרויקע
נאָך יונגע פרילינגדיקע טעג.
זוכט מיין שטילער אומעט,
זיך אויסטרעטן אַ וועג.

פאַרזייט מיין ליד די האָפענונג,
אין שטראַלנדיקער פרי,
פאַראָטעמט טיף אין לונג
פרייד פון לופטיק בלום צעבלי.

באַגריסט מיין ליד די גרינע גראָזן,
בענטשט דעם שטאָלצן אויפגעוואַכטן בלום.
זינגט צו ערד — צו אירע וווּנדער,
גיט יעדן זיין לויב באַזונדער . . .

בלאָזט דער ווינט מיט פולער קראַפט,
רייסט פאַרעקשנטע געציילטע בלעטער,
שמייכלט בוים מיט פרישער בליונג,
געבן פרייד אין זיין שאָטן, וועט ער!

וויגן זיך בלעטער
אין רעשיקן געזשום,
ווי אין אוראלטע צייטן,
צעשאָקלען זיי זיך פרום!.

*(ניט איבערזעצט אויף ענגליש)

טיף איינגעזאַפּט האָט רעגן
ווייך, וואַרעם ערד געמאַכט,
מענטש האָט קערנדלעך פאַרזייט,
שפּייז נאַרהאַפטיקע פאַרגרייט.

דאַוונט שטיל מיין הייסע תפילה —
בליט דער קאָרן, וואַקסט די ווייץ,
אויך די בוריקעס און מערן,
וועלן צייטיק אָט באַלד ווערן!

זוניק — לויטערער פרימאָרגן!
מיט פרילינג לופט האָסט אונדז באַגליקט;
פרישע בלומען אויפדאָסנייי,
זינגען פויגלען אויף דער פריי!

* * * *

באַגינען*

אויפגעמאַכט די אויגן,
אַ ריר מיט'ן גוף,
אַקסלען צעצויגן,
צו זיך איך גיב אַ רוף: — —

מענטש! ביסט אויף? דו לעבסט!
ניט צע'פּטר פרימאָרגן,
פון בעט קריך ארויס,
מאַך צונישט דיין אומעט פון דיינע זאָרגן . . .

גרייט צו אָ טאָג מיט זון
און ליכט פאַרן מענטש,
אויב קענסט ניט מיט טאַט,
פאַרזיס מיט דיין וואָרט . . .

מיט טרייסט און מיט ליבשאַפט,
האַלדז און קוש, נעם אַרום
דעם יונגן דור, דאס קליינע קינד,
ניט דערמאָן מער, „וויי און ווינד" . . .

צעזילבערטע שטראַלן
צעוואַרעמען דעם גוף,
צעציען די אַקסלען,
צום לעבן אָ רוף . . .

* * * *

*(נישט איבערזעצט אויף ענגליש)

א ליכטיקער פרימאָרגן*

צום נייעם פרילינג

איך גיי מיר אַרויס אין לופט, דער פרישער,
און טרעט אויף ערד, ווו גראָזן שפּראָצן,
איך דערהער, און דערפיל
ווי ס׳ברויזן אין די גערטנער
פרוכטן ביימער.
איך הער דאָס געוויש, פונ׳ם אָנקום
צום נייעם פרילינג!
עס גרייט די „מאַמע ערד״
נאַרהאַפטיקע שפייזן,
דאָס זאַפט פון טראָגעדיקער ערד,
זי איילט ברענגען צום געבורטן! . . .

זינג איך איצט מיט פרילינגדיקער האָפענונג
צו דיר, מיין בענקענדיקער ייד;
מיט שטאָלץ, מיט אַלמענטשלעכער ווערדע,
האַלטן קאָפּ גאָר הויך.
וועט די זון, פאַר אונדז אויך שיינען,
וועלן שטערן צו אונדז ווינקען,
וועלן בלומען פאר אונדז בליען,
און פייגל וועלן פאר אונדז זינגען.

מיר וועלן נעמען טיפן אָנטייל
ווי פאַר אונדז יידן פאַסט;
מיר וועלן זייען און פאַרפלאַנצן,
מיר וועלן גראָבן, און וועלן בויען,
און וועלן פליען אין ווייטע הויכן,
און אַלץ וואָס נאָר מענטש פאַרמעסט,
וועלן מיר דערגרייכן! . . .

אַי! וועט זיין אַ וועלט אַ שיינע,
אַ ליכטיקע, אַ זאַטע,
אַז מענטש זאָל נאָר מענטשן
מער ניט האַסן . . .
ווי גוט ס׳וועט זיין דאַן,
לידער פריילעכע פאַרפאַסן! . . .

* * * *

*(ניט איבערזעצט אויף ענגליש)

דער חורבן

און ווייטער

גערדאַנקען

(פריליוג)

עס ווילט זיך פונ׳ם האַרצן עפּעס זאָגן,
וואָס ס׳דריקט אין זוניקע־פריע פאַרטאָגן; —
דו זיצט, טראַכסט, פון קיינעם געשטערט,
קיינער דיין זיפצן פאַרוועררט.

ווילסטו צעגיסן דיין צער, דאָס נאָגן,
ביים פענצטער אין פריע פאַרטאָגן, — —
דוכט זיך; — די וועלט אַזאַ שיינע, אַזאַ העלע!
דיך דריקן גערדאַנקען — ווילסט זיי צעשלאָגן? —

עס פולסירן מיט ווייטיק געפילן פון אומקום:
די יאָרן פאַרשניטענע, יונגע, צעבליטע,
די לעבנס צעאַשטע,
די מענטשלעכע לייבער אויף קוילן צעגליטע. — —

— — — — — — — — — — —

אין קלויזן, אין שולן, אין בתי־מדרשים
וועסט מער ניט הערן די טרעלן
פון פרשות, הפטורות? — —
ווער? מיט וועמען?, וועט וויכוח דאָרט האַלטן,
איבער טיפזיניקער — אייביקער לערע,
איבער„רשי״, איבער „גמרא״ מיט ניגון געזאַלבטן,
איבער האַרבע — גרונטלעכע קשיות די שווערע? . . .

ניט זען וועסטו מער אויפן שול־הויף אַ יידן,
וואָס איילט צום מרחץ, פרייטיק בייטאָג,
ניט זען וועסטו מער יידישע קינדער,
ביי טאַטע־מאַמע אויף גאָלדענער וואָג . . .

אין פוילישן, ליטוויש־יידישן שטעטל,
אין דאָרף און אין ישוב,
פֿאַרשטומט יידישער אָפּקלאַנג —
ווי פון הימל אַ ניט דערוואַרטער כישוף.

ווו ווען שוין הײנט אַ יידיש ליד זיך צעזינגען?
אַ יידיש וואָרט ווו וועט אָנשפּאַרן?
אַ פשוטער וואָרט — אַ יידיש־געזאָגטער,
איז דאָך אונדזער זיבעטער חן — פֿאַרמאָגטער! . . .

— — — — — — — — — —

און ניט הערן וועסט מער
די ריזיקע, יידישע אַרבעטער שטימע,
וואָס האָט געפּריידיקט פאַר פרייהייט,
פאַר מענטשלעכער גלייכהייט; — —
זיי האָבן אַלע אין טויט זיך פאַראייניקט — —
ווי טיף איז דער ווייטאָג,
ביים לעבן זיך ניט גרונטלעך פאַרשטענדיקט . . .

— — — — — — — — — — — —

זיצטו, אין אומרו, ביים פענצטער,
אין זוניקן פרימאָרגן,
ווילסט העלפן פאַרגרינגערן
צער צו פאַרטראָגן . . .

* * * *

ליד מיינס

(צו אַ באַזוך אין ישראל)

מיין איינגעוואָרצלט ליד,
דו דאַרפסט גאָרניט קיין גראַם.
זינג־אַרויס דיין טיפן ווייטאָג
אין פאַרבענקטן יידישן טעם.

ליד מיינס —
אין יום־טוב־טעג,
אין שיין פון זון,
אין גרין־צעבלעטערטן פרילינג־בוים,
אין יונגן גראָז,
צעשפּיגלסט מיין אַמאָל . . .

מיין איינגעוואָרצלט ליד:
דו זעסט מיין אַלטן טאַטן,
פאַרהילט אין ווייסן קיטל
און צאַרט דו גלעטסט
מיין מאַמעס מילד־צעקנייטשט פּנים.

אָט פלעכסטו בלויע שלייפן
אין געדיכטע שוועסטער־צעפּ
און דו צעבליצט פאַר מיר
מיין ברודערס ליכטיקע געשטאַלט.
זיינע סאַמעט־שוואַרץ פאַרקעמטע האָר,
צעטיילט אין גלייכן שרונט.
און אָט, מיין ליד, צעווייינסט זיך גאָר,
אין צער־פולער טיפער ווונד . . .

****

שטילע רייד

ווער רעדט אין דער שטיל דאָרט,
רעדט צו זיך אַליין
פון אומקום און חורבן
מיט כליפּעדיק געוויין.

קאָן אַ האַרץ פאַרשטיינערט ווערן
ווען בלוט אין אָדערן נאָך פליסט?
קאָנען פאַרטריקענען טרערן,
ווען טרער נאָך טרער זיך גיסט?

אַ קוואַל מיט טרערן אָנגעזאַמלט
אין פיל־יאָריקן פּיין,
גיסט זיך איצט אין שטילן שטאַמל
אויף אומגעקומענעם געביין.

אין היץ צעטרייסלטע געהירן
פאַראומערט און פאַרקלעמט,
זיצט ער דאָרט מיט קאָפּ געבויגן
זיין כּבוד טיף פאַרשעמט . . .

רעדט ער אין דער שטיל דאָרט,
עס רעדט פון אים אַליין
דאָס בענקעניש, דאָס נאָגעניש,
דאָס אָנגעזאַפּט געוויין . . .

* * * *

געטאָ-העלד

יאָר נאָך יאָר פאַרגייט, פאַרלויפט,
זייט דעם אויפשטאַנד אינ׳ם געטאָ,
שטייט פאַר די אויגן ווידער אויף
נאַצי־צייכן — — שווידער־ציטער.

איך זע דיך, געטאָ־העלד פון וואַרשע,
דיין בלוט צעברויזט אין יעדען אבר.
ניטאָ וואָס צו פאַרלירן ווייסטו,
עס וואַרט אויף דיר אַ ברודער קבר.
זאָל די וועלט כאָטש ווּיסן,
אז נאַצי־בלוט וועט אויך דאָ
אויף דעם ברוק זיך צעגיסן.

דו ווארטסט ניט ביז דער טויט
וועט צומאכן דיין אויג,
וואַרטסט ניט ביז די וועלט
וועט די בלוטיקע שחיטה דאָ דערזען,
די וועלט איז טויב
צום יידישן געוואַלד,
צום יידישן געוויין.

פאַרוואָס אין שלאַכט דו רופסט דיין ברודער:
ניטאָ פאַר וואָס זיך מער צו שרעקן!
כאָטש מיט פויסט בלויז און מיט שטעקן
שטייט דיר גאָרניט איצט אין וועג,
וואַרף זיך, ברודער, אינעם בלוטיקן געשלעג . . .

ניט העלפן וועט אונדז קברים רייסן.
לאָמיר מיט די ציינער זיך איינבייסן
אין נאַצי־לייב, דאָס הינטיש טרפה — —
פאַרברענען אים אין זיין אייגענער שרפה . . .

ברודער, קעמף מיט שטוב־געמאַכטן געווער,
מיט שינאה דיינער! —
און טאָמער פאַלסטו? — —
זאָל זיין מיט צאָרן־פאַרקריצטע ציינער.

וועט דער צער פלאַקערן
דורך אלע אונדזערע מעת־לעתן,
אויף ניט פאַרגעבן,
אויף ניט פאַרגעסן! . . .

****

77

די נאגאַיקע

(אייכמאַן משפט אויף דער טעלוויזיע, אַפּריל, 1961)

פּאַס נאָך פּאַס אויף לייב,
מיט פּעלענער, ברענענדיקער נאַגאַיקע,
האָסט צעביילט, צעפּאַסאַוועט, אין פולן טרייב,
אין דיין ווילדער, צעיושעטער הוליאַנקע!

ניט אין חלום איז דאָס פּאַסעווען געווען; —
אויף לייב, אויף הויט אויף מענטשלעכער,
געריסן האָט אויף גליד, אויף ביין,
דיין צערייצטע נאַגאַיקע, אַלץ טויטלעכער . . .

צעבלוטיקטע ליפּן, פון בייסנדיקע ציין,
אויגן צעגלאָצטע, צעשטאַרט!,
צעלייגטע קופּעס — — מענטשן קופּעס,
הענט אויף פיס — — ביינערדיק צעדאַרט.

זיינען אַלע שוין טויט?
צי עס זשיפּעט אַן אָטעם נאָך ווו מיט אַ קרעכץ?
אויפגעלאָפּענע ווונדן, בלוטיק־רויט,
דערפילן שוין קוים, דיין רימענעם בייסיקן זעץ! . . .

פּאַרטיליקט גופימלעך קינדערשע, האָסטו,
מיט שמיץ פון טייוולאָנישן רימען. — — —
ווי אַזוי? — — און ווען — באַצאָלן וועסטו?
מיר — ווועלן איצט געבן דעם סימן! . . .

הענקער! מערדער! פון אומשולדיקע יידן,
פאַרטונקען ביזטו אין בלוט! מענטשן צעטרעטער,
פאַר אויוונס מיט קוימענס, פאַר רויך און פאַר אַש,
ווועסטו באַצאלן פריער צי שפּעטער . . .

מ׳וועט דיר דערמאָנען „די צאָל״,
דו וועסט אָפּגעבן חשבון און „דין״,
פאַר קרבנות קדושים וואָס פאַרברענט האָסט אַמאָל,
דו נאַצישע, גיפטיקע שפּין! . . .

פאַרברענען קענסטו נאָר דאָס לייב און דעם ביין,
ניט טויטן וועסטו אונדזער גייסט, אונדזער שטאַם, — —
זייער בלוט וועט פאַרגליווערט אין דיין האַלדז בלייבן שטיין
צוגעגרייט ווערט שוין דיין שטראָף מן הסתם. — — —

איז דען דאָ אַזאַ שטראָף,
פאַר מערדער פון מענטשן מיליאָנען?
ווער האָט אַזאַ קאָפּ?, ווער האָט אַזאַ מוח?
אַ שטראָף צו געפינען פאַר דיר, אייכמאַן, רוצח!

אַ מצבה פאַרטונקען אין מענטשלעכן בלוט,
וועט די וועלט נאָך דיר שטעלן,
און דו, אַכזר! וועסט אונדזער וועזן
מער ניט קענען פאַרצערן! . . .
און מיר וועל בויען,
מיר וועלן זיך פרוכפּערן און מערן!

****

אייכמאַן

אויף דער טעלעוויזיע, 1טן יוני 1961

האָסט פאַרטושעט און באַגזלט יידיש לעבן,
געוואָלט האָסטו הערשער ווערן אויף דער וועלט,
האָסט פאַרזיגלט מענטשנס שטרעבן,
פאַרנאַרט זיי אין דיין פייערדיקן געצעלט . . . — — — —

זייף מיט האַנטעך מיטגעגעבן,
צוגעזאָגט וואַסער פונ׳ם קראַן.
האָסט פאַרהאַקט די טיר — מיט סם צעלאָזטן,
און מיט רויך דערשטיקט; פרוי, קינד און מאַן. — — —

באַרויבטער ייד! אין אַש פאַרשטומט דו ליגסט;
אומשולדיק יידיש לעבן! ביזט פאַרלאָשן?
פון אייביק אָן, מיין אָרים ייד, מיט בלוט דו זיגסט . . .
צום סוף, צעלאָזט זיך אין געזאַנג!. . .

און דו אייכמאַן — מערדער בלוטדורשטיקער,
פאַרוואַלטער רוצחישער!
ווער ביזטו — צו געבן מענטשנס טויט סיגנאַל?
געגאָלטן האָט נאָר דאַן, דיין גיפט, דיין שלאַנגען־גאַל . . .

באַפוילן האָסטו גראָבן אַ גרוב, ווי וועלט די גרויס, — — —
מענטשנס לעבן לעבעדיקערהייט פאַרלאָשן,
וו ביזו היינט? — — פון גלאָז דיין הויז,
און גרוילן וויסטע, ווערן איצט
אין דיינע אָדערן צעדראָשן . . .

מיט גאַז דערשטיקטע, באַרויבטע לעבנס,
וואָס פאַרלאָשן האָסט אויף אייביק,
און אין אַש פאַרוואַנדלט, — — —
ניט קומען וועלן זיי צוריק.

זייער ליכטיק אָנדענק, פאַרוועבט אין אונדזער וועזן,
לעבן אײביק וועט אין אונזער „אָדער״,
מיט ליבשאַפט טיף אין הערצער,
וועלן מיר זיי טראָגן,
אויף דור־דורות ניט פאַרגעסן יענעם שוידער . . .

אַ לערע פאַר דער וועלט, — —
וועט זיין דיין גרויליק „אַקט״,
און ציען זאָל זיך לאַנג, מיט רעכט, דיין משפט,
ביז די גאַנצע וועלט,
אַנערקענען וועט דעם „פאַקט״,
באַגלייטן וועלן מיר דיך דאַן צום עשאַפאָט! — — — —

****

אין חלום, נאָך אונדזער חורבן

אין חלום געקומען בין איך
צו מיין שטאָט פון געבוירן.
שטיי איך — — — קוק זיך אַרום
צעווייטיקט מיין האַרץ ווערט, ווי שטום.

איך דערקען אונדזער שטוב,
די פלאַסטער צעריסן,
פול מיט לעכער די ווענט,
פון די לעכער ציען זיך
גלייך מיר אַנטקעגן
מיינע שוועסטערלעכ׳ס דאַרינקע הענט. — — —

צי איך אַרויף אויף מיין האַלדז
הענטלעך קאַלטע ווי אייז — —
צעטרעשטשען זיךביינדלעך אין פולווער,
ווערן צעפאַלן — — — און אויס!

אונדזער אויוון קאַכליאָווער, ער שטייט נאָך,
באַשיצער, אונדזער רעטער פון פראָסט . . .
לעבן אים האָבן מיר זיך קינדער געטוליעט,
לעבן אים האָט מיין טאַטע אין הייליקע ספרים געלערנט,
לעבן אים האָב איך מיינע לעקציעס געמאַכט,
לעבן אים האָט מיין מאַמע אירע ביינער צעוואַרעמט,
לעבן אים האָב איך זיך פון אַ צוקונפט פאַרטראַכט . . .

צעבראָכענע, אָפּגעריבענע קאַכליעס,
כמעט ניט צו דערקענען — — —
און פאָרט אין אייך ליגט אַ שטיק פון מיין לעבן,
לעבן אייך האָט זיך דאָס זיסטע
פון מיין יוגנט צעבליט . . . — — —
לעבן אייך פלעג איך מיין חלום פאַרוועבן.

איך שטיי און גאַף — — —
דאָרט אין ווינקל אויף איר אייביקן פּלאַץ
שטייט נאָך אונזער אַלטע
קליידער שאַף! . . .
איך נישטער און זוך
צווישן שמאַטעס און ברוך,
געפונען אין ווינקל, פון מייז אַ פאַרשלעפּטע,
פאַרגעלטע „שיימע“, כמעט ניט צו דערקענען —
א „שיימע“ פון קרבן מנחה סידור מיין מאַמעס,
דאָס איינציק־געבליבענע האָט מיך באַגריסט,
ניט באַמערקט האָט עס קיינער אַוודאי . . .

און אָט דערהער איך מיין טאַטנס ניגון —
הייזעריק ווי פון אַ גרוב,
ער זאָגט תיקון:
„זינג, טאָכטער, „זמירות“,
ביזט ביי זיך אין דיין שטוב!“
מיין מאַמע אויפן שוועל
פאַרקאָרטשעט, אין דרייען געבויגן,
מיט קאָשעק אין האַנט:
„לויף, טאָכטערל, שנעל! — — —
עס שפּריצט דאָ מיט פייער־בראַנד.“

מיין אָטעם ווערט שווער,
איך באַגיס זיך מיט שווייס.
אַ חלום — — — ניט מער . . . —
אַ פינצטערער חלום. — —
ווו נעמט מען אַ טרייסט?.

* * * *

שוידער פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט*

ווי לאַנגזאַם דו ציסט זיך מיין נאַכט!
און ווייט איז נאָך צו ליכטיק טאָגן.
עס האַט ווער חורבן אויף דער וועלט געבראַכט
מיין זינען איז פול מיט אַלט-ווייטיקדיקן נאָגן.

עס האָט ווער מענטשנס לייבער אין קרעמאַטאָריעס
געברענט, געשטיקט אין שוואַרצן רויך.
געשפּילט האָט דער שונא אָראַטאָריעס
ווען אויסגעשעפּט האָט לעצטער טראָפּן בלוט אין מוח.

שלעפּסט זיך, ייִד, מיט טלית און תּפילין,
דיינע פיס זיי דינען דיך קוים.
דו הערסט, דיר דוכט, מוזיק גאָר שפּילן,
אָ באַגלייטונג צום פינצטערן טרוים? — — —

ווער קען די גרויזאַמקייט באַגרייפן?
ווער קען שטילשווייגן און ניט דערמאָנען,
די גזירה גענומען האָט זיך פון וואַנען?
צו פאַרניכטן אומשולדיקע זעקס מיליאָנען! . . .

אַ וועלט אַ גאַנצע האָט געשוויגן,
צו קיינעם דערגאַנגען איז ווי ווסטער קלאָג,
טרויעריקער בלוט-צעווייקטער ניגון,
פאַר וועלכע זינד? — — פאַרוואָס די פּלאָג? — — — —

דער קלעזמער געשלעפּט מיט זיך האָט פידל,
דאָס קינד — — איר ליאַלקע, ווי אַ מאַמע,
און דער רב אין שבתדיק קאַפּאָטע מיט'ן רידל,
פאַרצייכנט איצט אַ מאָלער, אָט די שוידער דראַמע.

*(ניט איבערזעצט אויף ענגליש)

טראָגט אַ ייד אַ ספר תורה, צוליב זכות
און טרערן גיסן אויפ׳ן סאַמעטענעם „מענטל״. —
נאַצי מיט זיין פעלענעם רימען, אין פריילעכן געגוס . . . ,
ציילט — — — שטעלט צו יידן צו דעם „ווענטל״ . . .

פאַלן לעבנס גרויס און קליין,
ווערן ווענט באַשפריצט מיט בלוט.
באַרויבטער ייד! דיין טיפן צער באַקלאָג, באַוויין,
נאָר ניט פאַרליר דיין ווערט, דיין מוט!

האָט ווען דאָס וויינען, צי דאָס קלאָגן
צוריקגעבראַכט דעם שוידערלעכן פאַרלוסט?
עס האָבן תפילות און ברכות זאָגן,
אין אָפּגרונט פאַרשלונגען ווערן געמוזט . . .

אַך, דו, גאָטעניו! פון גאַנצער וועלט דער האַר!
פאַרוואָס האָסטו דערלאָזן צו אַש, און צו פייער?
ווי האָסטו פאַרנומען מענטשלעכן צער?,
און געלאָזן דיין פאָלק באַצאָלן אַזוי טייער, אזוי טייער! . . .

אמת! געהאָנגען האָט זיך דאָרט איצט אַ נאַצי אויף אַ שטריק,
ניט דערגאַנגען אים דאָס העלדזול, — —
צערויבט האָט ער פון מענטשהייט אַזאַ שטיק! — — —
וועט איצט אַ צווייטער מאָלער עס מאָלן מיט זיין פענזל . . .

און נאָך אַ נאַצי רויבער נעמט זיך איצט דאָס לעבן,
ער שפרינגט פון הויכן מויער,
אַ גוטער אָנהייב, גאָטעניו, כ׳לעבן;
אַ ביסל היילונג איצט צו אונדזער טרויער.

אָבער טויזנטער נאָך רוצחים לעבן ווי די גראַפן,
אין אַלע טיילן וועלט.
שונאים קענען גוט מיט זיי זיך שאַפן,
עס האָט היטלער דאָך מיט זיי געקנעלט! . . .

נאָך ניט געענדיקט איז אונדזער טרויעריקע געשיכטע,
עס לעבן נאָך תּליונים, זיי זיצן אין ווייכע שטולן.
מיט ציינער צעקריצטע, און אויגן גזלנישע,
ווי ווייט מיר זיינען נאָך צום פרייען אָטעם פולן.

צו לאַנגזאַם ציסטו זיך, מיין נאַכט,
און ווייט איז נאָך צום ליכטיקן טאָגן,
עס האָט ווער חורבן אויף דער וועלט געבראַכט,
ווי שווער ס'איז אונדזער ווייטיק צו פאַרטראָגן! . . .

****

פסח — זמן חרותנו*

פסח טעג! — פאַר וועמען זענט איר באַפרייטע?
טעג, פרישע, לעבעדיקע,
טעג פול מיט אָטעם
אין פרילינג זון צעשיינטע.

שרייב איך היינט שורות
דוכט מיר ביים פולן זינען
קריכן פאַרעקשנט רעיונות
טיף פאַרבענקטע אינמיטן דערינען; —

כ׳פאַרצייכן; און דווקא
דעם חורבן פאַרליטענעם;
כ׳באַרעכן; און דווקא
דעם כופל פאַרלאָרענעם: —

מיינע שוועסטערלעך דריי,
זייערע מענער, שוין זעקס.
קינדערלעך זיבן,
איינס און איינס, ווי געקליבן.

טאַטע און מאַמע,
געבענטשטע — מיט קינדער געראָטן
פאַרשניטן אין יוגנט דאָס סאַמע,
אַפילו מיט ערד ניט פאַרשאָטן. — — —

און נישטאָ איז מיין ברודער
נישטאָ איז זיין פרוי
און נישטאָ זייערע קינדערלעך צוויי,
פאַרשוואונדן ווי פרימאָרגנדיקער טוי . . .— —

*נישט איבערזעצט אויף ענגליש

אויף הפקר צעטראָטן, צעפּולווערט,
ווי פון אייזן, די נערוון פאַרטראָגן
דיינע קינדער ביים סדר וועלן פרעגן
קשיות פאַרוווּנדערט,
קלער זיי אויף! — —
אַ „נייע הגדה״ מיר פאַרמאָגן . . .

היינט וואָס איז צום ריידן, צום זאָגן?
אַ תּכלית — ווי פּולווער צעפלויגן. — — —
צערונען די בלוטן, אויף גאַסן, אויף ראָגן,
טויטע, אָפענע, מענטשישע אויגן.

פרעגן ביי וועמען; — — ווי קומט עס?
ווי געשיקט זיך? — — —
אַזאַ גרויל! — — — אַזאַ חורבן! — —
פאַר גאָרער וועלט — — יידישער קרבן?— —

שווייג איך, — — שטומט אין מיר דאָס לשון,
דעם צער, ווי העלד פאַרטראָג איך,
צעזשאַרעטער אַש איז פאַרלאָשן.
פּסח, אונדזער יום טובֿ!,
טעג, פאַר וועמען זענט איר באַפרייטע?
טעג, פרישע, לעבעדיקע,
טעג פול מיט אָטעם,
אין פרילינג־זון, צעשיינטע! . . .

* * * *

סאָציאַלע לידער

שלום עליכם

(צום הונדערטסטן יאָר פון זיין געבוירן)

ס׳איז הונדערט יאָר, ווי ס׳איז פאַרפלויגן,
זינט דעם טאָג פון זיין געבוירן,
און די אוצרות פון זיין שרייבן
וועלן אייביק דאָך פאַרבלייבן.

געשריבן האָט שלום עליכם
אין זיינע יונגע יאָרן,
נאָך אין יענע אַלטע צייטן,
ווען ביי יידן איז
הומאָר, און שפּאַס, געלעכטער,
געווען גאָר ניט ווי ביי לייטן . . .

געוואָלט האָט אונדזער גרויסער דיכטער
גלות יידישן פאַרקירצן — — —
האָט ער מיט זיין פּרעכטיקן הומאָר
לאַכן אַלעמען געמאַכט, און גאָר.

איז זיין געשריפּטס געווען;
פון דעם האָרעפּאַשניק,
פון דעם בייזן רבין
מיט זיין שיטערער, לאַנגער באָרד,
און דעם פּריץ מיט די פּריצטע;
פון דאַטשניקעס ביים ים,
פון גרויסאַרטיקע „קור ערטער״,
און פון פּרויען וואָס פּוצן זיך
אין זייער עלטער . . . — — —

פון מעקלער און שדכנים,
אַבי געקראָגן נאָר בעלנים . . .

און פון ישובניקעס אין דאָרף,
פון טעפּלעך, מילכיקס, פליישיקס.

פון געהאַפּטעוועטע קליידער,
פון בריליאַנטן און פון פוטער,
און אַפילו אויך פון קעז און פּוטער,
פון סטראַבירונג אַגענטן,
און פון יידן וואָס דרייען מיט שטעקעלעך
מיט פאַבריצירטע גליקן.

און פון שול הויף, און פון באָד,
און להבדיל פון מקום קדוש.
מיט זיין בליק געניאַלן
געפונען אַלץ נייע מאַטעריאַלן.

אַלץ באַמערקט, אלץ פאַרשריבן,
אַלץ ט׳געהאַט אזוי פיל חן,
שוין אָפּגערעדט פון שבת׳דיקע פיש
מיט דעם אמת׳דיקן כריין . . .

און פון דיין יום כפּורדיקע תּפילות
מיט טרערן פיל פאַרווישטע,
און פון ווייבערשע כליפּערייען.

פון מנחם־מענדל,
מיט זיינע טויזנטער תּרוצים
און איבערטריבענע גוזמאות
און פון זיין ווייב, שיינע שיינדל,
וואָס רייסט די ערד מיט אירע קללות.

און ווער רעדט:
פון מאַכן א רעוואָלוציע?
און פון דער צייט פון שמד,
קיין זאַך האָט זיין פען ניט דורכגעלאָזן
אַלץ געגאַנגען מיט אַ לאַד . . . — — — —

ווער קען באַשרייבן גאָר זיין גבורה?
ווער קען מעסטן זיין פאַרנעם?
גרויסער מייסטער פון יאָהרהונדערט! —
זיינע שריפטן וועלן קיינמאָל
קומען צו קבורה! . . .

שוין הונדערט יאָר,
ווי ס׳איז פאַרפלויגן
זינט דעם טאָג פון זיין געבוירן,
און די אוצרות פון זיין שרייבן,
וועלן אייביק דאָך פאַרבלייבן!.

* * * *

פרימאָרגן

עס זינגט זיך ניט היינט,
די וועלט איז צערודערט —
עס שלאָפט זיך ניט היינט,
א בת־קול כ׳הער דונערט:

גענוג שוין געשלאָפן,
עס שלאָגט שוין אויף טאָג,
די נאַכט איז פאַרלאָפן,
אויף נעכטנס ניט קלאָג.

וועק אויף זיך פון חלום,
פענצטער מאַך אויף,
בלויז קלאַנגען פון שלום
נעם אויף איצט, נעם אויף.

אומעט פון נעכטן
פאַרבייט איצט אין פרייד,
אַ וועג, אַ גערעכטן,
פאַרן מאָרגן מאַך גרייט.

* * * *

95

פרילינג און באַפרייונג

ווי וואַרעם און ליב איז די זון,
דאַס וויינטעלע וואָס גלעט,
יונגע בלימעלעך שפּראָצן־אויף
ווי אין אַ געוועט.

ריחות טראָגן זיך אין לופט
און ס׳טראָגט זיך שוין געזאַנג
פון פייגעלעך אויף צווייגעלעך —
גלעקלדיק געקלאַנג.

בלויז דאָס פייגעלע, דאָס געלינקע
אין שטייגעלע פאַרמאַכט;
אייגעלעך דערשראָקענע
קוקן מיט פאַרדאָכט . . .

דיין זמרל, זאָג פייגעלע,
פאַרוואָס אַזוי פאַרגרויט?
דו הויקערסט זיך אין שטייגעלע,
ס׳געפעלט דיר ניט דיין ברויט?

אַ מתנהלע איך ברענג דיר איצט,
פייגעלע דו שטום
אַ ווערעמל, אַ פעטס אַזאַ,
ניט ס׳שנעבעלע פאַרקרים.

פיק־זשע,פיק, געל־שנעבעלע,
ס׳ווערעמל שלינג־איין,
און ווידער זינג דיין זמרל —
פריילעך זאָל היינט זיין!

און אָט אַזוי אַ זאַטינקע
אז אַרומשפּרינגען דו ווּעסט,
און דאָס שטייגל מאַכן דיר
ווי אַ פרייע נעסט.

דאָס פייגעלע:
,,מוחל דיין מתנהלע
ס'שטייגל עפן גיך,
איך וועל אַ פּעטע ווערעמל
אַליין געפינען זיך.

,,זיין אויף קעסט אין שטייגעלע
ליבער בעל־הבית,
דאָס האַנט־געמאַכטע נעסטעלע,
איז אַלץ פאַר מיר ניט דאָס.

,,כ'וויל פריי זיין פונעם שטייגעלע.
דאָס איינציגע, אָט דאָס:
אַליין זיך בויען נעסטעלע
און פּיקן ווערעמל אין גראָז.

,,וועל איך אויבעט זינגען דאַן
מיט אַ ניי געמיט.
מאַך מיר פריי די פליגעלעך,
און פריי לאָז מיינע טריט . . .

,,איך וועל זינגען זמרל
פריילעך אויך פאַר דיר,
מיט מיינע קליינע פייגעלעך
אַפילו ביי דיין טיר . . .''

* * * *

97

יונגע יחוסדיקע כלה-צעפּ

אויף גאַס פּאַראַדנער
אין ליכטיקער וויטרינע;
פֿאַרבלענדט האָט ראַשיק שימער,
לוקסוס גאָר טשיקאַווער.

האָר פּאַר נייסטער מאָדע —
פֿון אויסלאַנד אימפּאָרטירט,
פּאַר מאָדערנער דאַמע,
גרייזעלעך פֿאָרמירט.

פֿאַרקעמטע רונדע בייגעלעך,
קאָלירן אַלערלייאיקע.
געפֿלאָכטענע דריידעלעך
מיט אויסזען פּאַרצייטיקע . . .

שפּיגלדיקער חן,
ווי יונגע יחוסדיקע כּלה־צעפּ;
קאַשטאַן קאָליר, שוואַרץ־ברוין —
כוואַליען זיי אין לאָקן טרעפּ.

הערעלעך בלאָנדע — ווייכינקע,
זיידענע, ווי קינדערישע,
צעהאָנגענע אויף צווייגעלעך
פֿון ווינט פרישינקע, צעפּלויגענע.

הויכע האָר טורבאָנען,
האָר נאָרוואָס גרוי־געוואָרענע,
ווי אויף גרינע לאָנקעס
ליגן אָפּגעשוירענע . . .

און שייטלען געל־רויט ווי צונטער,
ווי פֿאַרביקער זאַפּראַן — יום־טוב חלה.
אויסגעפלאָכטן נאָר אויף וואונדער —
צום פאַרקויף, גרויס די מעלה . . .

פרויען־צירונג, פולע קוישן
פון אויסלאַנד אימפּאָרטירט.
דוכט זיך, לעבנס אין זיי רוישן,
אין פאַרבלענד פאַרשימערירט.

טיאָכקעט האַרץ מיינס, אַ פארקלעמטע
לאָזט ניט רוען — לאָזט ניט שטילן;
די הערעלעך ווי זייד —
דאָרט אין ווינקל פון וויטרינָע.

אויף פּאַראַדנער גאַס,
לעבן ליכטיקער וויטרינע;
טרערן אויגן . . . ווערן נאַס —
פונם האַנדל, גאָר משונה . . .

* * * *

צוויי ליאַלקעס

צווי ליאַלקעס פון איין־און־דערזעלבער מאַשין,
אַריינגעפאַלן איז איינע צווישן גאָר־רייכע ווענט,
אויף זעט און אויף פרייד, אויף ווילטאָג בלויז,
די צווייטע — אין אָרימע הענט.

האָט איינמאָל די ליאַלקע, די רייכע,
צו דער אָרעמער אַ זאָג געטאָן:
„זעסט, שוועסטערל, מיין אויסשטאַטונג!
און דו — אין שמאַטעס אָנגעטאָן!"

„דו זאָגסט אין שמאַטעס בין איך אָנגעטאָן,
און דו אין שיינעם טואַלעט?
אויף רייכע הענט האָסטו געפּרווווט
אַ הונגעריקע איינשלאָפן אין בעט?

„צי זעסטו, שוועסטער, וואָס איך נאָר שטענדיק זע
אויף מיין יעדן ווענד און קער,
ווען פון גלאַנץ אין קינדערשע אייגעלעך
פאַרהאַלטן איז קיילעכדיק אַ טרער? . . .

„איך הער דאָס קלאַפּן פונעם הערצעלע,
ווען ס׳דריקט מיך קינד צו זיך,
איך פיל דאָס קינדעריש ווייטיקל —
לינד, גאָטעניו, איר הונגער גיך!

„דאָס טרערן־נאַסע בעקעלע,
די אייגעלעך רוין, איך זע,
דער הונגער דרייט דאָס בייכעלע,
איר לעבן פול מיט וויי . . .

„און דו, געצערטלט, ליאַלקע, ווערסט,
קיין געלט, קיין קוש, דיר פעלט.
דיין טאָג ווערט דאָך געגרייט פאַר דיר,
ווי קענסטו ליאַלקע רייכע פילן יענעמס וועלט?״ . . .

צוויי ליאַלקעס פון איין־און־דערזעלבער מאַשין,
אריינגעפאַלן איז איינע צווישן גאָר רייכע ווענט,
אויף זעט און פרייד, אויף ווילטאָג בלויז,
די צווייטע — אין אָרימע הענט . . .

* * * *

מיין פארלאַנג

וואָלט איך דערציילן גלאַט זיך געקענט,
אין פשוטע ווערטער
ווי עס שטייט און עס גייט,
און עס וואָלט מיר אין קאָפּ ניט געדרייט; —
וואָלט מיין געדאַנק געקאָנט זיך פאַרגינען,
אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ס׳ליגט מיר אין זינען.
וואָלט איך צעברעקלט, געדאַנקען צענומען,
און כ׳וואָלט צום „באַרג סיני״ גיכער געקומען . . .

וואָלט איך אויף ערשטער שורה געשטעלט
מיין אָפּשאַץ, פון ברויט און קאַרטאָפל.
איך וואָלט געגעבן מיין ברכה,
דעם אויפקלייב פון היי אויפ׳ן פעלד,
כ׳וואָלט דערהויבן דעם מייסטער פון שוך און פאַנטאָפל
איך וואָלט געבענטשט דעם בלאַנק פון נאָדל, וואָס נייט,
דאָס רעדל פון זייגער וואָס דרייט,
דאָס שלעפּן פון ציגל,
דאָס קנעטן פון ליים,
דאָס בויען פאר׳ן מענטש אַ געצעלט,
פאַר מענטש פון גאַרער וועלט!

איך וואָלט געבענטשט די הענט, וואָס גראָבן די ערד,
כ׳וואָלט אין מיינע שורות
געזונגען אַלטעגלעכע „זמירות״,
און דערהויבן ביז גאָר,
דאָס אלמענטשלעכע ווערט! . . .

* * * *

יאָרן*

ווהין פאַרשווינדן זיי, די יאָרן?
ווהין פאַרפליען שנעל די טעג?
קענען יאָרן ווייט פאַרפאָרן,
צי ווערן זיי פאַרהאַלטן ביי אַ ברעג?— — —

דרייען זיך יאָרן ווי אין קאַראַהאָדן?
צי ס׳ציט זיך דאָס לעבן ווי אַ לאַנגער בריק?
עס ווערט דאָך לעבן אונדזערס מיט יאָרן אָנגעלאָדן,
וואָס אָפּגעשפּאַנט, ניט קומען קען צוריק . . .

אָט, וואָס קומט גאָר אויפ׳ן זינען,
אַז שפּאַנען קען מען ניט צוריק,
נוץ אויס צום גונסטן שעפערישע טערמינען,
פאַרגאַנגענהייט ווי פעדערן צעפליק . . .

מאַך פון לעבן דאָס בעסטע און גערעכטסטע,
ניט נעם מעשים דיינע מיט צום עולם הבא,
זעטיק אָן דעם מענטש אויף דער וועלט מיט דאָס שענסטע;
קלער אויף! — ברענג אַ ביישפּיל, אַדרבא! . . .

ווייל עס דרייען זיך ניט יאָרן אין קאַראַהאָדן,
דאָס לעבן אונדזערס ווערט מיט משא אָנגעלאָדן,
עס ציט זיך דאָס לעבן ווי אַ לאַנגע בריק,
וואָס אָפּגעשפּאַנט — קומט מער ניט צוריק.

* * * *

*(נישט איבערזעצט אויף ענגליש)

זוניקער פרימאָרגן

ווי צעוואַרעמט מען די גלידער?
ווי פאַרשטויסט מען רעיונות אומעטיקע?
מ׳זאָל קענען ווי געהעריג, מיט ליבשאַפט,
זוניקן פרימאָרגן אויפנעמען. — —
אַפילו קאַלט איז דער דרויסן,
די זון אבער שיינט דאָך! . . .
זוך איך מיט וואָס זיך צו טרייסטן,
און איך טראַכט; —
ווי אַזוי קען מען די גוואַלדיקע
אומרעכטן פאַרשטויסן?
און איך קלער, — און איך טראַכט; — — — —

אויב די וועלט איז אויך מיינע?
ווי דזאַני׳ס, ווי אַיירינ׳ס,
ווי קעטרינ׳ס, ווי דזשיימי׳ס, —
בין איך דאָך אויך א שותף צו איר! —
וויל איך דער וועלט
מיט מיין כוח איר דינען. — — —
צוטראָגן מיין מי,
פאַרצווייגן מיין בוים,
געבן מיין פרוכט
דער שותפות׳דיקער ערד.
און לעבן מיט מענטש — מיט מיין שטאַם,
מיט ווירדע און שלום.

געבענטשט וועט זיין דער פרימאָרגן
ווען „מענטש״ וועט פון שינאה
און האַס זיין באַפרייט.
און אַז קומען וועט אַזאַ צייט — —
ווען שטראַלן פון ליכטיקער זון
וועלן צעוואַרעמען
די אַלמעטשלעכע גלידער, — — —
דאַמאָלט, אָ, דאַמאָלט,
זינגען וועלן מיר
נאָר געבענטשטע — פריילעכע לידער!

****

צעשראָקן אויפן טעלעפאָן*

איך האָב אויגן מיינע נאָרוואָס צעעפנט,
די אָקסלען שלעפעריק צעצויגן,
און אַט, קלינגט שוין אָן דער טעלעפאָן
און לאָזט מיר ניט אַ וואָרט דערלייגן . ..

האָסט שוין געוויס געהערט פון דעם פחד און אימה,
אויף מענטש, אויף פיש און להבדיל בהמה.
פאַרשפרייט האָט פאַרניכטונג פון פופציק מעגאַטאָן
אַ באָמבע, רחמנא לצלן! . . .

עס פליט דער פולווער אין דער לופטן,
ס׳ווערט צעמישט מיט שטויב און רעגן,
ס׳וועט צעשטערן בלומען דופטן,
און וועט פאַרניכטן גלייכע וועגן! . . .

קיין באַהעלטעניש וועט העלפן,
ניט אויף בוידים, ניט אין קעלער,
עס ווערן פעלדער אונדזערע פאַרשאָלטן,
מיט סם המות אין די טעלער.

ווייץ און קאָרן קאָפּ גענידערט,
ניט צום זעטיקן, נאר פאַרסמט און צעפיבערט,
וואָס פאַר אַ זינד, וואָס פאַר אַ זינד!,
ס׳וועט אויך ניט זיכער זיין דאָס מילך פאַר׳ן קינד! . . .

דאָס פלייש פונ׳ם עוף, פונ׳ם שעפּס און פון קו,
קאַרטאָפל, ציבעלעס און מערן,
אַלץ ווערט צעשטערט, איך האָב קיין רו,
ווילדער פחד נעמט אַרום מיין קלערן . . .

*(נישט איבערזעצט אויף ענגליש)

105

דערלויב, דערלויב, מיין פריינט, איין וואָרט דערלייגן,
באַרויקן דיין ציטער, דיין שרעק,
עס קען יעדעס לאַנד זיך דערוועגן,
און חתמענען, חלילה, דעם שוואַרצן פלעק!

יעדעס לאַנד שאַרפט די ציין מיט אייזן און מיט שטאָל,
בויט פאַרניכטונג פאַר דער וועלט.
ניט וואַגן וועט מענטש ביים פולן זינען,
צעשטערן, פאַרניכטן די וועלט, אין מיטן דערינען.

באַרויק זיך, פריינט, די וועלט גייט ניט אונטער,
באַפריי דיין האַרץ פון פחד און פון זאָרגן . . .
האָף און גלויב — זיי מונטער,
שאַף און בוי פאַר היינט און פאַר דעם מאָרגן!

* * * *

האָפענונג צום נייעם יאָר

באַקלערט, איך וועל אָנשרייבן אַ פריילעכס,
דערוועקן האָפענונג אין געמיט.
ווערט עס אַפילו פאַלן שווערלעך,
צו טיף איז פאַרקריצט פון צער דער שניט . . .

שרייב איך אָן מיין ערשטע שורה,
הבטחה־וואָרט כ׳פּרוביר, —
און דערגרייכט האָט גוטע בשורה,
דערלאַנגט אַ גלעט מיין האַרץ האָט שיר.

מוטיקט פריידיק מיין פאַרלאַנג; — —
איך זע די וועלט צו שלום שפּאַנט.
אַלץ אַרום איז אין געזאַנג,
פאַרברידערט איז מענטש פון יעדן לאַנד.

איך הער פון פידל פריילעכע טענער,
עס שיינען פּנימער פון פרייד;
ווענט באַצירט מיט שלום פּענער,
אין דערלופטן — — שלום־רייד! . . .

און עס בעטן פעלדער זיך פאַרזייען,
עס דורשטיקט דער באָדן נאָך ערדיש גליק,
עס ווילן הענער ווידער קרייען,
וועקן „מענטש״, צו פעלד־אַרבעט צוריק . . .

אַך! ווי האַרציק זיך צעזונגען
האָב איך, אין זיסע שלום שעהען,
אָט, וועט באַלד זיך גלאָק צעקלינגען,
אָט וועט הימל ווידער בלויען! — — —

ווי דערלעבט מען זען די וונדער?
גרינע ביימער אומעטום.
פרוכט פאַר מענטש, פאַר זיינע קינדער,
פאַר יעדן איינעם — אַ דערפרייענדיקע בלום!.

* * * *

שטימונגס לידער

אין מיטן נאכט

שרייבן ווילסטו גלאַט אַזוי,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן?
גיט דיין פעדער זיך אַ דריי,
ווערט דיין סטרונע אָנגעצויגן . . .

לאַזן אותיות איינס נאָך איינס,
געדאַנקען אויף פּאַפּיר.
און דער זייגער טוט זיך זיינס
לויפט די צייט — — — ניט מיר, ניט דיר . . .

ווילסט נאָר טרוימען,
ווילסט נאָר קלערן,
צו דיין שרייבן, נייע זוימען,
ווילסטו קיינער זאָל דיר שטערן.

גראַמען ווערטער הויבסטו אָן,
ווי דו טוסט זיך נאָר אַ קער,
קומט אַרויס אַ מיש־מאַש טאָן,
ניט אַהין, און ניט אַהער . . .

עס שלאָפן אלע, שטיל ז׳אין אין הויז,
אויף ביזט איינע, איינע בלויז.
ניט דו שלאָפסט, און ניט דו וואַכסט,
ניט דו וויינסט, און ניט דו לאַכסט — — — —

וואָס־זשע ווילסטו פאָרט אונדז זאָגן?
ס׳האָט דיין קלערן גאָר קיין ברעג,
וואָס פאַרטראַכסטו ביז פרימאָרגן?
וואָס־זשע ווילסטו אויף דיין וועג?

* * * *

ליבט און שלום וואָלסטו וועלן?
פאַר דער גאָרער וועלט,
ס׳וואָלט דיין האַרץ פון נחת קוועלן,
ווען ס׳לעבן איז ניט איינגעשטעלט.

און אין לופטן זאָל צעקלינגען,
געזאַנג פון יעדן מענטש.
פריינטשאַפט זאָל אין הערצער דרינגען,
און מיט ליבשאַפט זיין געבענטשט! . . .

אָט די געדאַנקען, איינס נאָך איינס,
לאָזן אותיות אויף פּאַפּיר.
און דער זייגער טוט זיך זיינס,
און צייט — זי לויפט — ניט מיר, ניט דיר . . .

* * * *

צו דיר

הערשלען צו אונדזער 39טן חתונה יאר.

דעם 8טן יאנואַר 1961,
האָט די זון וואַרעם זיך צעשפּרייט,
און מיט צוזאָג ליכטיקן,
הערצער אונדזערע דערפרייט.

יונגע בלימעלעך מיט ווייכער ערד האָסטו באַדעקט,
צאַרט געקושט זיי מיט דיינע הענט.
די זון צעוואַרעמט האָט דיין בלומען בעט
און איצט צו דיר, דאָס באַוואַסערן זיך ווענדט.

האָסט בלימעלעך פאַרפלאַנצט, וועסטו זיי באַגיסן,
ניט פאַרלאָזן זיך אויף קיינעם,
ס׳וועלן לויב געזאַנגען באַגריסן,
דיין גאָרטן פרישן — לופטיק שיינעם.

ניט מיט גלייכגילט האָסטו בלימעלעך צענומען
נאָר מיט ליבלעך־פּאָטעריש געפיל.
זאָל נאָר פרילינג שיינער קומען; — —
וועסט זיך פרייען אין דיין בלומענדיקן שפּיל.

— — — — — — — — — —

אין צעוועקטע פריאיקע פאַרטאָגן,
ווען פרילינג פלעכט זיך נאָר אריין,
און וואַסערדיק צעזילבערט ווערן גראָזן,
דערוואַכן וועלן בלימעלעך אין בונטן זון צעשיין.

און צווישן מנחה־מעריבדיק פאַרנאַכט,
ווען זון וועט לאַנגזאַם זיך פאַרגיין,
פון ווונדער, פון דעם בלומענדיקן פּראַכט,
וועסטו האַרציק דאַן געניסן —
און פאַרשטיין . . .

* * * *

מיין פרימאָרגן תפילה

ווי קלאָר איז דיין אויפגאַנג,
שטראַל אויף מיין שויב!
ניט באַמערקט דיך גאָר לאַנג,
פאַרשטעלט האָט אַטאָמישער שטויב.

דערפרייט מיינע אויגן,
מיט געזאַנג פון פרי,
קאָלירן פאַראייניק
אין בלומען אויפלבי . . .

עס רופט דאָך דער דרויסן
צו פריידיקן לעבן
פאַרטרייב־זשע דעם אומרו,
פון מיינע געוועבן.

פאַרהייל און צעוואַרעם
געמיטער פון לייד
שטראַל אויף און דערבאַרעם,
ס'איז לאַנג דאָך שוין צייט! . . .

זוניקער שטראַל! ניט זאַם זיך צו לאַנג,
ס'איז רייף שוין די שעה.
קום מיט געזאַנג!
און פארברידער מענטש אויף דער ערד
אָט אָ דאָ!.

* * * *

13

קינדערשער אָרקעסטער

העי, דו שטיפּער, שטיפּער־ייִנגל,
דיריגענט פֿון ערשטן גראַד,
אָט באַווייזטו אונדז דײַן צינגל,
און אָט דיריגירסטו אַ באַלאַד . . .

דײַנע הענטלעך די גענייטע,
גראַציעז פֿליען פֿייל פֿון בויגן,
מיט צויבער־שטעקעלע אין האַנט,
צעקראַכסטו אָט אַ שטאַרקע וואַנט! . . .

דאָ לויפֿסטו,
דאָ שפּרינגסטו,
דײַן קינדערשן אָרקעסטער
מיט צויבער־שטעקעלע מעסטו.

דאָ אַ שטיינדעלע פֿאַרוואַרפֿסט,
צווייג פֿון בוים — אַ פֿליק,
ביז פֿאַרקריכסט ווײַט אין וואַלד,
און שווער געפֿינען וועג צוריק.

אין דער לופֿטן אַ געפּילדער,
יעדעס קינד מיט זײַן כּלי־זין,
און דו, ייִנגעלע, דו שטיפּער,
מאַרשירסט אין וואַלד אַלץ טיפֿער.

שטאָק־פֿינצטער שפּרייט די נאַכט,
עס שרעקט סכּנה . . . קינדער וויינען,
ניט באַרעכנט, ניט באַטראַכט
פּחד דרינגט אין הערצלעך קליינע . . .

קינדער, העכער הייבט די טענער,
קלאַפּט אין פויקן, בראַזגעט קאַנען,
אפשר וועט אונדז ווער דערהערן
און אונדז אַרויספירן פון דאַנען?

הערט־זשע קינדער, יונגע שטיפער;
אייער קינדערישע דערפאַרונג,
דינען זאָל אייך ווי אַן אָנזאָג,
ווי צו מעסטן, ווו צו שפּאַנען . . .

געדענקט־זשע קינדער;
יאָרן לערנען, יאָרן ווייזן,
ווי צו טראַכטן, צו באָקלערן,
און ווי ניט פאַרפירט צו ווערן.

דאָס לעבן זאָגט אונדז אָן אַפריער,
ווען צו שטיפן, ווי צו שפּילן,
ווען צו הוליען, ווען צו זינגען,
ווען מענטשנס צער און פרייד דערפילן.

ווען צו טרוימען, ווי צו ליבן,
ווי צו קעמפן — פּאַראַדירן,
אַ וועלט גערעכטיקע געווינען,
אַ וועלט אַ פרייע אויסצושפּינען.

העי, דו שטיפער, שטיפער־יינגל
דו וועסט זיין דער דיריגענט.
אָט באַווייזטו אונדז דיין צינגל,
און אָט צעשפּרייטסטו דיינע הענט! . . .

* * * *

דערמאָנסט זיך

טונקט זיך זון אין האָריזאָנט,
טעג פאַרגאַנגענע דערמאָנט,
יאָרן יונגע לאַנג צוריק,
ווען קיין זאַך האָט געשטערט דיין גליק.

ווי שיין דו ביזט, מיין וועלט, אין פרילינג,
ווי האַרציק פריש עס שמעקט די לופט!
געזאַנג פון פייגל, שפרונג פון שמעטערלינג
ווי כּישוף — — צום נייעם לעבן רופט . . .

דערמאָנסט דעם רייץ פון יונגע אויגן,
אָן ווערטער זיינען שטילע טריט . . .
באַטראַכט לבנה, רעגנבויגן,
און אין האַרצן יוגנט גליט! — — —

דו פילסט די קראַפט פון צויבער אין נאַטור —
ווערסט צו איר ווי צוגעצויגן,
רעדסט פון ליבע, פון קולטור,
און מילד איז דער קוק פון דיינע אויגן.

הייבסט זיך אָן איצט צו דערמאָנען
וואָס לעבן האָט געמיינט אַמאָל,
ליגן ווערטער דיר אין זינען
הערסט נאָך היינט דעם קול! . . .

אָט פאַלט דיין בליק אויף באַנק אין גאָרטן,
וו צווייען זיצן שטיל געלאַסן,
ריטם שלאָגט אין הערצער דאָרטן
פּרובירסטו איצט אַ ליד פאַרפאַסן. — — —

אַ ליד פון סודותדיקן שעפּטשען,
אַ ליד פון יונג־האָרציקן געפיל,
אַ ליד אָן ווערטער, אַ ליד אין שווייגן,
אַ שטילקייט וואָס זאָגט דאָך אַזוי פיל . . .

צי האָבן ווערטער דעם ממשות,
דעם באַטראַכטן פולן זין?
ווען צוויי הערצער אין בין השמשות,
ביידע צילן צו איין מין! — — —

טונקט זיך זון אין האָריזאָנט,
טעג פאַרגאַנגענע דערמאָנט,
יאָרן יונגע — — לאַנג צוריק
ווען געווען איז פול דאָס גליק! . . .

****

אין אונדזער ספרים שאַף

ס׳האָט אַ ווונק געטאָן צו מיר אַ בוך,
ווו געשטאַנען איז פון לאַנג,
פאַריתומט אין אונדזער ספרים שאַף —
געוואַרט צו געבן וועמען זיין געשאַנק.

האָט מיין האָנט פלוצים זיך אַ צי געטאָן צו אים.
אָפּגעווישט פון לאַנג שוין
אָנגעקליבענעם שטויב,
דערלאַנגט אַ צעבלעטער,
און דערזען פאַר זיך אַ קינסטלער —
אַ גערדאַנק אַ געניאַלן!
אַ קלאָרן שילדערער פון אונדזעד דור,
פון גאָר פריסטן
טויזנט ניין הונדערטסטן יאָר.

צי קאָן אַ מענטש אַליין זיך שטראָפן?
ס׳איז דוכט זיך,
גאָר נישטאָ אַזאַ מין וואָפן . . .
די בלעטער נייע,
נאָך אַפילו ניט צענומען,
ווי פון דרוק אָט ערשט געקומען.

און געשטאַנען איז דער אוצר
אין אונדזער שאַף פון כמה יאָרן,
קיין צייט געהאַט ארייצוקוקן . . .
ביז כ׳בין אַלט, און גרוי געוואָרן.

ליבער דיכטער: זיי מיר מוחל!
פאַרלוסט, געוויס, געווען איז מיינער,
שעפּ איך איצט מיט נייגער מיין גענוס,
פון דיין גרונטיק רייכטום פיינער.

פאָר דיין פאַרטייטש דעם זין פון לעבן,
ווי וואָלט איך וועלן
פאַרדינטן יישר כּוח געבן —
דיין באַלערנטן געשאַנק,
אויסדריקן אין ווערטערדיק געזאַנג.

* * * *

מיינע קני

אין יאָרן יונג־קינדיש שטיפעריִשע,
בויגן פלעגן מיינע קני זיך אין געלאָף.
האָט אַמאָל געהערט גאָר ווער,
אַז די קני וועלן בויגן זיך ניט מער?

פלוצים פאַרעקשנט זיך מיין קני
לאָזט מיין פוס ניט שטעלן גאָר אַ טראָט,
אָט, דוכט זיך גאָר ניט לאַנג,
געגאַנגען בין איך ווי אויף אַ דראָט! . . .

מיין בויגעוודיקע קני, האָסט זיך פאַרשטייפט, — —
רירסט זיך ניט פון אָרט?
שטיי איך ווי פאַרטומלט,
וואָס טוט מען איצט פאָרט?

עס העלפן קיין וואַקלען, קיין פּראָטעסטן,
כאָטש נעם און שריי, „חי וקים״,
פּרובירסטו דיין כּוח איצט פאַרמעסטן,
אַ שטראָף פון הימל איז געוואָרן ווי מקוים . . .

טראַכט איך: — — —
געגן קנייטשן האָב איך אַ רפואה;
עס אַרט מיך ווי פאַראַיאָריקער שניי,
דערלעבט האָב איך דאָך זיי מיט רעכט — —
וואָס האָב איך פאָרט צו זיי? — —

עס טונקלען מיינע אויגן מיט אַ בעלמע,
זיי קען מען היילן מן הסתם — — —
דאָס געהער איז פאַרטויבט,
ס'איז גאָר אַ מחיה! — —

הערסט דאָס גערויש ניט מער,
ניט דעם גרויסן טומל,
ניט געוויין פון קינדער
אין פאַרקראַמפטן הונגער — — —
ניט געיאָמער פון אַ מאַמען,
פון פאַרלירן איר איינאיינציק זון,
אין פאַרוויסטונג פון מלחמה.

— — — — — — — —

אָבער פאַר מיינע קניי,
זוך איך מיר פאַר זיי אַ מיטל,
אפילו ווען דער מאָגן מאָנט,
עסן אפשר נאָר אָ דריטל? . . .

צום סעזאָן דעם פערטן
כ׳בין דאָך שוין דערקראָכן,
וועל איך איצט פון מיינע יאָרן און חדשים,
ציילן נאָר די טעג און וואָכן . . .

לאָזט מיר נאָר, מיינע קני, געבן כאָטש אַ טראָט,
ניט פאַרביטערט מיר די יאָרן;
וועט איר דינען מיר אויפסניי,
זינגען נייעם ליד וועט דאַמאָלסט זיין כדאי! . . .

* * * *

מיינע קנייטשן

אויף דער גלאַטקייט פון מיין הויט,
באַוויזן האָט זיך קנייטשעלע אַ קליינס,
צוערשט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט.
פאַרגלעט דעם איינגעדריקטן גאַסט
און פאַרגעסן מיט דער צייט
דאָס קנייטשעלע אין פנים.
ביז ס'האָבן אויסגעלייגט זיך קנייטשן
אָט ווי יונים אויף מיין שטערן,
האָב איך דווקא זיי געוואָלט פאַרווערן.

האָט אַ ציטער און אַ שאָקל
צעטרייסלט מיין פאַרדראָסיק האַרץ; —
„ניט אונטערגעבן וועל איך זיך —
איך וועל אייערע חוצפּהדיקע קנייטשן
אָט באַלד, אָט די מינוט צעשטערן״ . . .
אָבער מיינע געסט פון אָפּגעשפּאָרטע יאָרן,
געטאָן האָבן חוצפּהדיק זיך זייערס,
טיפער איינקנייטשן זיך פאַרמאָסטן, — — — —
איז מיר די מעשה
נאָך מער פאַדראָסיק געוואָרן.

האָב איך מיר מיינע טענות,
צו גאָט אין הימל מיין פאַרדראָס; —
שטייטש?— — — היתּכן? — — — —

אזויפיל קנייטשן! — גאָר אָן אַ מאָס? —
איז אָבער ענטפער באַלד קלאָר געוואָרן:
זיך בייזערן מיין פריינט, — ניט כּדאי, — —

קומען וועלן געסט אַזוינע סיי־ווי־סיי . . .
האָב איך זיך דערטראַכט
און פון מיינע טיפע קנייטשן
אַ שפּאַס זיך גלאַט אַזוי געמאַכט . . .

און אין מיין לויפנדיקער עלטער
ווען מיינע געסט ווערן מיר אלץ נענטער,
זאָג איך צו זיך:
„אָפּגעשפּאָרט דיינע רחבותדיקע פריינט
פון יאָרן לאַנג דו האָסט;
איצט נעם זיי אויף
ווי „אָנגעלייגטע״ געסט,
שפּאַן מיט זיי אויף גלייכן שטעג,
ווייל אויסגעטראָטן דאָך האָסטו שוין דיין וועג!״ . . .

* * * *

פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג

פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג,
האָבן זייער אויסגעטראָטענעם וועג;
זיי צעדרייען די פינגער פון פיס און פון הענט,
זיי לייגן אַ שטעמפּל אויף רוקן און לענד,
זיי דריקן איין קנייטשן אין פּנים, אַ שרעק! . . .
זיי מאַכן אַן חורבן און גייען אַוועק . . .

איי — די פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג,
זיי האָבן זייער אויסגעטראָטענעם וועג;
דעם גוטן געהער זיי פאַרטויבן,
פאַרטונקלען מיט הייטלעך די אויגן,
דאָס לעבן איז דאַן ווערט, פון טאַבאַק אַ שמעק,
זיי וואַרפן אַן שוידער און גייען אַוועק . . .

די פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג,
טרעטן שוין איינמאָל אויס אונדז אַ וועג;
זיי דערהויבן דעם בלוט־דרוק,
פאַרקירצן דעם אָטעם,
זיינען אונדז מכבד מיט:
„אָרטרייטיס״, „בוירסייטיס״,
„ניוראַיטיס״ אָן אַן עק,
און לאָזן איבער „רעומאַטיז״,
און גייען זיך אַוועק . . .

* * * *

מיין אומרויקע טרער

(בעילאר שפיטאל)

מיין אומרויקע טרער
האָט צום ווינקל פון מיין אויג,
געגעבן זיך אַ קער,
און אויף מיינע ליפּן, זיך געטאָן אַ גאָס.

דערפילט האָב איך אין דעם צעגאָס,
שאַרף־געזאַלצן טעם.
ניט געפרעגט, פאַר ווען, פאַר וואָס?
פערשלונגען כ׳האָב עס מן־הסתם.

ביזט דורכזיכטיק אַזוי, מיין טרער,
אומרויקע אין מיר,
וויפל געטריישאַפט אין דיין שטום דערקלער,
וויפל ליבשאַפט אין דיין קלאָר־קאָליר״ . . .

דערוואַרעמט האַסט מיך, טראָפּן־טרער,
טיף דערגרייכט האָסטו,
האָסט פאַרקלעמט, פאַרטרערט,
און באַלד באַרויקט מיך דערצו . . .

געוואָרן איז מיר אַזוי גרינג,
טרייסט געבראַכט האָסט, ליבע טרער!
ווידער לעבט אין מיר אַלצדינג,
עס דריקט מיין האַרץ ניט מער . . .

* * * *

זאָג ניט דו ביסט אַלט*

און ניט זאָג ווען ס׳פאַלן בלעטער; —
„אַוועק שוין די יאָרן אָט באַלד״. —
ווען בלום אין בלעטל צעבליצט,
טוליע זיך צו צו דערמיט! . . .

אויב יונג איז דיין גייסט,
צום פרילינג, צום נייעם,
מיט מוט און מיט דרייסט,
צום פריידיקן לעבן דערגרייכסט.

פאַרשאַפסטו נאָר פרייד,
דערמאָנסט מער קיין אומעט, קיין לייד,
און דעם שפּאַן וואָס פאַרקירצט,
מיט שמייכל באַגריסט! — — —

איז דיין האַרץ פול מיט ליבשאַפט?
מיט פריינט ביזט געבענטשט,
דערמאָנסטו קיין צער,
ווערסטו באַליבט און געאַכט נאָר דערפאַר . . .

און אַז נעבכט זיינען לאַנג,
און די טעג ניט גאָר קורץ,
ניט טאָן זאָל דיר באַנג,
דיין צייט פאַר אויפלעבונג באַנוץ!

זינג טעגלעך אַ לידל,
גיב אַ שמייכל, טו אַ שפּאַס,
אַפילו ווען מיט בעזים און מיט רידל; —
נאָר פריילעכע לידער פאַרפאַס!

*(ניט איבערזעצט אויף ענגליש)

באַגינען*

אויפעמאַכט די אויגן,
אַ ריר מיטן גוף,
אַקסלען צעצויגן,
צו זיך איך גיב אַ רוף: —

מענטש! ביזט אויף? דו לעבסט!
ניט צעפּטר פרימאָרגן,
פון בעט קריך אַרויס,
מאַך צונישט דיין אומעט פון דיינע זאָרגן . . .

גרייט צו אַ טאָג מיט זון
און ליכט פאַרן מענטש,
אויב קענסט ניט מיט אַ טאַט,
פאַרזיס מיט דיין וואָרט . . .

מיט טרייסט און מיט ליבשאַפט,
האַלדז און קוש, נעם ארום
דעם יונגען דור, דאָס קליינע קינד,
ניט דערמאָן מער „וויי און ווינד" . . .

צעזילבערטע שטראַלן
צעוואַרעמען דעם גוף,
צעציען די אַקסלען,
צום לעבן אַ רוף! . .

****

*(ניט איבערזעצט אויף ענגליש)

פרימאָרגן*

מיין 75טער געבורטסטאָג דעם 15טן מאַי, 1974

איך גיב מיר פון טעפּעלע קאַווע אַ זופּ,
מיין פעדער אין טינט כ׳גיב א טונק,
צעוואַרעמט אַן אָנזאָג אין מיין מוח, —
ס׳איז 15טער מאַי אויף מיין לוח!.

פרימאָרגן אַזאַ ליבער,
די זון אַ ליכטיק צעשיינטע,
קיין סימן פון קימער
זאָרגן פאַרטריבן,
פון לאַנג שוין פאַרדייטע . . .

עס זינגט איצט מיין האַרץ
פול מיט ליבשאַפט אַ ניגון, —
אין שטילקייט — הילכט ריטמיש מיין קול,
ממש ווי אַ קינד צום פאַרוויגן.

עס צעשפּילט אַמאָליקע פרייד
מיין יונגער זכרון;
און ס׳לעבט אויף אַ שפּאַציר
צווישן ווייץ און צייטיקן קאָרן.

פאַרוויש איך אַ טרער
פון פּנים מיין נאַסן, — — —
ס׳דערמאָנט שאָסיי־גאַס . . . דעם גאָרטן,
די פאַרנאַכטיקע שטעטלשע גאַסן.

* * * *

*(ניט איבערזעצט אויף ענגליש)

עס באַגריסט אַ חבר איינער דעם צווייטן,
וואַרעם ווינקען יונגע אויגן,
טייערע — גליקלעכע יוגנט יאָרן, —
צו שנעל, צו שנעל זענט איר פאַרפלויגן!.

איך גיב מיר ווידער פון טעפּעלע קאַווע אַ טרונק,
מיין פעדער אין טינט כ׳גיב אַ טונק,
אַן אָנזאָג צעוואַרעמט מיין מוח; —
ס׳איז שוין ווידער 15טער מאַי אויף מיין לוח!.

****

ניט פארלאָשענער פונק

עס דאַרף מיך ווער דערמאָנען?
כ׳האָב דען שוין פאַרגעסן
איך וויל ניט אַפילו דערמאָנען
אַז די צייט האָט זיך שטאַרק מיר דערעסן.

איך זע דעם אַמאָל פאַר די אויגן,
די צייט האָט מיין יוגנט צעדראָשן,
זיינען טעג און יאָרן פאַרפלויגן
און דאָך איז קיין פונק ניט פאַרלאָשן.

אין האַרצן פאַרזיגלט געטריישאַפט
דער יוגנט, דער פרייד, אויך דער לייד,
ווער מעסטן קען אַזאַ ליבשאַפט,
ווער קען עס דערציילן אין רייד . . .

אויפן לעבן איצט קוק איך גאָר אַנדערש,
מיט אַלץ זיך פאַרקנעטן — געניגט;
צווישן יוגנט בין איך אַלטמאָדיש,
צווישן אַלטע — ווי אַ פויגל פון שטייג . . .

אויפן וועג צווישן דער יוגנט און עלטער
איך וואָלט ניט פאַרקירצט איצט מיין שפּאַן.
פאַראַן אַ צייט וואָס דערנענטערט
דעם היינט צום אַמאָל, — ס׳איז פאַראַן . . .

איך וואָלט שפּאָנען מיט ליבשאַפט, פאַרריכטן
וואָס כ׳האָב פאַרזען העט אַמאָל . . .
געפינען צוטרוי צום לעבן —
און דערהערן דעם קלאַנג פונעם טאָל . . .

זען דעם אַמאָל פאַר די אויגן,
די יוגנט וואָס צייט האָט צעדראָשן,
יאָרן זיינען טאָקע פאַרפלויגן,
און ס׳האָט דאָך מיין פונק ניט פאַרלאָשן . . .

* * * *

ישראל
און
די צוקונפט
פון אונדזער פאָלק

מיט טינט אויף פּאַפּיר

וואָס קומט אַרויס
פון מיין פאַרשרייבן אַזויפיל פּאַפּיר?
געדאַנקען, געפילן, דאָס בלוט גיט אַ שטויס,
אַ געשפּרעך מיט זיך אַליין איך פאַרפיר; —

דו, מאַמע מיט קינדער באַשערטע,
שווייג נאָר אַ ווײַלע, און הער!
אויסגעפילט האָסטו דיין שליחות דערלעבטע,
גיב גוט נאָר אַ טראַכט, — — גיב אַ קלער!

דיין פלאַנצונג, דיין זייאונג
געוואַקסן האָט גוט,
האָסט געגעבן דער וועלט דיין פאַרצווייגונג,
דעם פאָרזעץ פון יידישן בלוט. — —

פאַרוואָס זינגסטו אָן אויפהער דיינע לידער
פון פאַרגאַנגענעם צער? פון פאַרלאָשענע ליכט?
פאַרוואָס צענעמסטו און צעגלידערסט
דעם חורבן ווידער און ווידער?
ווי דו וואָלסט זיך אויף דעם גאָרניט געריכט . . .

פּרוביר נאָר פאַרבייטן דיין ליד פון שטויס און פּלאָג,
צו אַ ניגון פון ליבשאַפט, פון האַרציקער טרייסט,
גענוג צו דערמאָנען, גענוג שוין צו קלאָגן,
שלום פאַרזיי ווו דו שטייסט און גייסט.

אויף קינדס־קינדער לאָמיר פאַרזאָרגן; — —
צום ליכטיקן לעבן לאָמיר ווערן גרייט,
מעק אויס דיין האַס פון וויסטע גלות־יאָרן;
שלום אויף וועלט זאָל שוין ווערן פאַרזייט.

דערהער קול פון דיין פאָלק אין ווייטן לאַנד,
שטרעק אויס צו זיי דיין שלום־האַנט,
און בענטש דעם יונגן דור, אונדזער נייעם דור,
וואָס האָט אונדזער המשך יידישן געבוירן.

****

מיין יידיש פאָלק

איך זינג צו דיר מיין יידיש פאָלק,
צום טאָג פון דיין געבוירן.
מיט ווייי און צער ביזטו גענערט,
און האָסט האָפנונג ניט פאַרלוירן.

דיין ליד הייבט זיך אָן
פונעם וויגעלע נאָך.
די וויקעלעך — זאָרגן
פון אייביקן יאָך.

טרערן געזויגן,
אין נויט זיך דערצויגן,
געלערנט מיט חשק,
אין תּורה — יאָרן פאַרפלויגן . . .

כאָטש געלעבט אין דחקות,
ניט געהאַט אויף קיין ברויט,
האָסטו פאַר יענעם
געמויערט, געבויט.

מען האָט דיך פאַרפאָלגט,
אין פּחד געלעבט.
דו האָסט ווייטער געהאָפט
און דיין חלום געוועבט.

צוריק אין דיין לאַנד ביזט געקומען, מיין פאָלק,
און ליכט אויפגעשלאָגן מיט ירושהדיק גלויבן,
מיט טענץ און מיט געזאַנג
אַליין זיך דערהויבן . . .

אָבער שונאים נאָך לויערן,
ווילן נישט וויסן, ניט זען:
אַז דו, מיין פאָלק, ביזט פון תמיד
אַן עם קשה־עורף געווען . . .

יונג און אַלט,
מוטיק צום הימל צעשאַלט,
מיט פייער צעפלאַמט,
דעם וועג פון שונאים פאַרצאַמט.

אַ לעבן אַ נייעם, מיט רידל און פויסט
דו גראָבסט טיף און דו בויסט,
אינעם אַלט־נייעם לאַנד —
דער אָפּצאָל פאַר דיין גרוילעכן שאַנד.

אין בייזן געוויטער,
מיין קעמפער, ניט ציטער,
העלדישער בויער,
ליכט פונעם יידישן טרויער.

זינגסטו ישראל׳ס לידער
מיט שטאָלץ אין דיינע גלידער.
אַ העלד ביזט געבוירן —
אַ קעמפערישער ייד.

* * * *

אויף תל-אביב גאַסן

אַ טאָג אַזאַ ליכטיקער,
הימל, ווי קינדערשע אויגעלעך בלוי,
אין קורצע, מאָדערנע בגדים
יוגנט שפּאַצירט זיך אַזוי.

זייער שפּראַך גאָר אַ קענטלעכע
דאָך שווער צו פאַרשטיין.
געשטאַלטן מיידלשע
אין קליידעלעך קורצינקע
פיסלעך — ווי צום טאַנץ גרייט צו גיין.

קליידעלעך, עכט קאַליריקע,
צום לייב צובאַהאָפטענע,
קערפּערס געשניצטע — גלייכינקע,
פלינקע, רירעוודיקע.

בחורים יונגינקע,
באַבערדלט, באַוואָקסענע,
טרעפן צו אויגן, מיידלשע,
ווי מיט סאַזשע פאַרטונקלטע . . .

און דווקא שווארץ־חנעוודיק
איז יוגנט אין גאַנג,
אין זונענדיקן שטראַל,
אין לויטערן געזאַנג.

ווי שפּרודלדיק וואָסער פון קוואַל,
צעזשומעט אין פריילעכן געשפּרעך.
און פריידיקן זיי פון מאָראַל,
נאָר ליבשאַפט באַשטעטיקט דעם כלל . . .

און דער בחור, דער חייל,
מיט שטאָלץ, מיט פייער אין אויגן,
צו באַשיצן דאָס לאַנד
איז ער דערצויגן.

ביי זיין זייט —
חנעוודיק אַחריותדיק מיידל,
מעדאל אויף איר שטייף־צוגעפּאַסט
זעלנעריש קליידל.

און דער טאָג, אַזאַ ליכטיקער,
הימל אזוי בלוי.
וואָלט איך יונג איצט געווען
שפּאַצירט וואָלט איך אויך אָט אָזוי . . .

****

אויף אַ שיף איבער ים כנרת

ליכטיק — בלויער ים כנרת,
פּרימאָרגן פונעם וועלט־באַשאַף.
פאַרהייליקט ביזט אין קלאָרקייט טיף
אויף דיינע זילבער־כוואַליעס,
וויגט זיך אונדזער שיף.

צערייצט דאָס וואַסער האָט דאָס שיפל —
געזשומעט, געשוימט אַרויף און אַראָפּ,
עס האָבן צעכוואַליעטע בערגלעך צעזילבערט
אַ מיש־מאַש אין מיין קאָפּ.

צעקראַמפּט האָט זיך מיין האַרץ
אין טיף, פאַרוואָרצלטן געדויער,
דערזען כ׳האָב אין מיין וויזיע;
אַ וויסטע פון צער, פון יידישן טרויער.

פון ווייטן דערזען כ׳האָב אַ צווייגל,
פאַרשניטן האָט שטורעם פון בוים;
געשווומען קענטיק לאַנג אויפן וואַסער,
ווי צו פרייד אַ מבשר?
דערגרייכט אָבער קוים . . .

ווינט האָט פאַרטראָגן דאָס צווייגל אין ווייט,
און עס ראַנגלען זיך אין וואַסער
צעריסענע בלעטער פון צווייג,
דערשווימען צוזאַמען זיך, פאַרעקשנט,
קומען, זיי וועלן, אין צייט . . .

ליכטיק־בלויער ים כנרת
איך זינג אויס מיין ליד צו דיר.

מיין ליד פון אומרו, פון פרייד,
פון האַרץ וואָס בענקט, האָפּט,
אויף דער געבענטשטער שעה —
צו שלום, רו.

ים גליל,
וווּנדער פון פריסטן וועלט־באַשאַף,
אויף דיינע זילבער־כוואַליעס,
טראָגסטו אונדזער שיף! . . .

* * * *

פאר זיי

זינג איך

מיינע לידער

מיין שיר השירים

אייניקלעך מיינע,
שוואַרצאפּלען פון מיינע אויגן: —
שיינע פון אַלע שענסטע,
קלוגע פון אַלע קליגסטע,
ליבע פון אַלע ליבסטע.

דזשולי, מיין אייניקל מיט אַלע מעלות;
דיין גראַציע, דיין שמייכל,
דיין נאַטירליכער חן;
באַנעמונג דיין שיינע, — —
מיין האַרציקע טרייסט. —

קלעי, יונג־באַבערדלטער חתן־בחור,
מיט דיין באַליבטע־קעטהרין, דיין כלה,
אויסגעקליבן האָסטו איר
מיט אַלע דיינע חושים — — —
אָט — ווי דער חתן
פון פאַראייביקטן „שיר השירים״.

לאָרי — מיין מוזיקאַלישער גאון,
אזוי פיל פרייד
געבראַכט האָסטו פאַר מיר,
נאָר צו קורץ ז׳געווען די צייט,
זיך צום זעטיקן מיט דיר . . .

אייניקלעך מיינע!
שיר השירימדיקע,
שוואַרצאַפּלען פון מיינע אויגן:
שענסטע פון אַלע שיינע,
קליגסטע פון אַלע קלוגע,
ליבסטע פון אַלע ליבע! . . .

* * * *

אונדזער אייניקל טאַמי

אונדזער אייניקל טאַמי,
האַלט זיינע אויגעלעך אָפן;
געפונען האָט ער מסתמא
אויף גרין בלעטל, פון רעגן אַ טראָפּן.

פארוואונדערט שטודירט ער
דאָס בלעטל גרין,
ער באַטראַכט דעם פאַרקער, — —
פונ׳ם בוים מיט׳ן בלעטל דעם זין.

„זע נאָר, באָבע!
אַ בוים אַזאַ גראָבער!
. . . זיינע קינדערלעך
דינינקע, גרינינקע
און אַזוי פיל אין צאָל! . . .

„און אָט אַ פייגעלע געל,
מיט שנאבעלע שאַרף.
זע, באָבע! דאָרט אויפ׳ן שוועל,
איר פיקן, ווי דאָס קלאַנג פון אַ האַרף!

„פליגלען צעשפרייט,
נאָר איין הויב און אַרויף!
זינגט ווי אַ פלייט
און ווי שטאַרק איז איר גוף!

„באָבע! באַטראַכט,
ווי גרויס איז דער וווּנדער;
ווען ס׳קומט אָן די נאַכט —
ווו שלאָפן אירע קינדער?

„זיי זיינען נאָך יונג
און קאָנען ניט פליען;
לאָזט זיי מאַמע אַליין?
. . . איך וועל פאַר זיי קניען.

„זען אויב מאַמע פויגל
וועט אירע קינדער באַשיצן;
ווי לאַנג וועט זי זאַמען,
וועט זי צום פאַרדעקן שטרויעלעך נוצן?

„באָבע! באַטראַכט נאָר די ווונדער אַרום,
אין הימלען פליען,
עס ווילט זיך מיר גאָר,
און ווי אַ פויגל פליען אומעטום . . .

„און די לופט אזוי פריש,
ביימער צעגרינט.
באָבע, באַטראַכט דאָס געוויש
פונ׳ם וואַסער, פון בערגל וואָס רינט.

„ווונדער איבער ווונדער,
באָבעניו, שאַ! — זיי שטילער ווי שטיל;
דאָס פייגעלע, די מאַמע,
שטרוי אין איר שנאָבל זי ברענגט,
זי פליט, זי מאָלט ווי אַ מיל . . .״

פישטשען פייגעלעך,
מאַמעס נאָענטקייט דערפילט!
טוליעט זיי מאַמע אין פליגלען,
איר שוץ מיט געזאַנג צעשפילט.

וואַקסען די פייגעלעך,
צעפליען זיך שנעל.
און מאַמע פויגל, מיט אומעט אין אויגעלעך,
בלייבט פאַרגאַפט אויף איר שטרויענער שוועל . . .

* * * *

דזשיל

מיין אייניקל, מיין שיינהייט,
איך טראַכט — — וויל וואָס זאָגן וועגן דיר — —
זיך ניט צום גרויסן, חנדלעך מאַכן.
בלויז אין דיינע אויגן טאָן אַ קוק;
ווי זיי ריידן, ווי זיי שמייכלען,
ווי זיי שײנען, ווי זיי ליבן.
און דיין קאָפּ
שוואַרץ געלאָקטע האָר,
ווי נאָר דיך צום פאָטאָגראַפירן! . . .

זיס, איידל, דיין באַנעמונג,
אָן קונצן, פּשוט — ליב,
ווירקן דיינע גוטע מידות
אויף דיין באָבען,
אַזוי טיף אין דיר פאַרליבט. — — —

זיץ איך אַזוי, שרייב מיר אַ לידל;
און אין מיין טיר, גיט די קליאַמקע זיך אַ ריר, — —
און אָט ווידער אַ פּרוביר,
— — עס עפנט זיך אויף שנעל מיין טיר,
און ווי אַ גלאַנץ פון פרילינג זון
גיט אַ שיין מיר אין די אויגן. — — —

דזשיל, מיין פּראַכט, מיין שיינהייט! . . . — —
איך שרייב פאר דיר, מיין ליד,
איינגעוואָרצלט ביזטו אין מיין האַרץ,
אין מיין יעדן גליד.

איך קוש די שיינע אויגן דיינע אויס,
דיין נעזל פול מיט חן,
כ׳באַטראַכט דאָס שיינע מיידלשע געשטאַלט,
און די טרער פון פרייד, — — —
אין זיך טיף, איך באַהאַלט.

* * * *

מיין אייניקל ראדזשער לי

מיין אייניקל ראַדזשער לי
איז אַ יונג מיט ביינער,
קוים זעכצן יאָר איז אַלט,
אַ שטיפער, גראַדע ניט קיין קליינער,
און פון ,,בייס באָל״ שטאַרק ער האַלט.

וואָס ער לערנט? איך פאַרשטיי קוים,
,,אַ געשעפטס מאַן״, ווי זיין טאַטע, וויל ער זיין,
האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער
צווישן יונגוואַרג אַ באַוווסטער.

זיין קאָפּ געלאָקט מיט שוואַרצע האָר,
קענסט דערקענען אים פון ווייט,
זיינע ציין ווייס ווי שניי,
קיין עין הרע גיב נאָר זיי . . .

מיט חברים האַרציק, איידל,
ביי זיין זייט, זיין שיינע מיידל,
איז ער דרייסט און פאַרליבט,
חברשאַפט מיט איר פאַרקניפּט.

באַטראַכט איך שטיל מיין יונגן בחור,
ווי געוואָרן איז ער ערנסט,
פרעג איך אים איינמאָל אין שפּאַס; —
ליבסטו, ראַדזשער, דאָס שיינע מיידל?

ענטפערט ער מיר קלוג און איידל; —
,,זי האָט שכל, באָבע ליבע,
גוט מיט איר איז צו פאַרברענגען״,
און די באָבע, אין גרויס נחת
טראַכט; — ווער קען וויסן
וואָס די צייט קען ברענגען? . . .

* * * *

מיין אייניקל מארק

אייניקל מיין זיבעטער!
ווי ליב מיר איז דאָס חן־גריבעלע
אויף דיין רעכטער באַק.
דיינע אויגן:
גרויס, קיילעכדיק — ברוין,
דיין שטערן, פּאָעטישער פּאַרמעסט — —
טיפזיניק, דיין שווייגנדיקער קוק,
ווי ליב מיר איז דיין אַרומנעם,
דיין צוציענדיקער דרוק.

מאַרק, זיבעטער אייניקל מיינס,
וואָס באַטייט דער ערנסט אין דיין בליק?
וואָס האָסטו צוגעטראַכט
אין די צוועלף יינגלשע יאָרן דיינע?

איך ווייס;
אַ פריינט דו ביזט צום קינד
פון אַלע ראַסן,
דו מאַכסט קיין אונטערשייד
פון ווייס און שוואַרץ,
פון לייב קאָליר.
דערפאַר קלעפּן זיך קינדער שוואַרצהויטיקע
צו דיר.

געבענטשט ביזט אייניקל, מיין ליבער
מיט גוטע מידות, מיט געזונטן חוש,
פּאַרפלאַנצט איצט אויף דיין חן־גריבעלע,
דיין באָבע, איר וואַרעמן קוש.

* * * *

רעיטשל, אייניקל מיין יינגסטע

דיין באָבעס צוואה

אַלע זיבן חנ׳ען איז דיין וועזן,
עס טאַנצן אַלע דיינע גלידער,
אויף אַלע יאַרידן ביזטו דאָ,
שטיל צעזינגסטו דיינע זיסע לידער.

אָט טאַנצטו, אָט שפּרינגסטו,
אָט אַ מעשהלע דערציילסט,
עס פעלט דיר קיינמאָל
וואָרט אַ קלוגער אויס,
באַחנט ביזט שטיפערקע, מיין ליבע,
ניט מיט חכמה בלויז.

אויף אַלע חתונות ווילסט טאַנצן,
פריינטשאַפט לעבעדיק פאַרוועבן
מורמלסט ניגון — — מיט בלומען קראַנצן,
זעץ זיך מיר דערנעבן.
שפּאַר אויף מיר דיין קעפּל אָן,
הער צו, מיין קינד, דאָס שטיל געבעט; —
ניט פון פייגעלעך אין לופטן,
ניט פון זיסע בלומען דופטן,
זינג איך דיר מיין ליד אַצינד,
הער זיך צו — — — פאַרשטיי מיין קינד:

דאָרט אין בלאָטיק נאַסע געסלעך,
אויף די שוועלן ביי די הייזער,
שטאַרען הונגעריקע אויגן — — הענטלעך דאַרע,
אין שמאַטעס — אָן בזיון,
בעטן ברויט פון טוכלער נאָרע.

זיי, די קינדער, ניט באַשערט איז
פון ערד די זאַפטן צום געניסן,
ליגן זיי — פאַרהונגערט און באַליידיקט,
און אונדז, קינד מיינס,
פלאָגט אַזוי ס׳געוויסן . . .

וועט די וועלט זיך כאָטש אַרומזען?
וועט זי ווען פאַר הונגער פיינען;
פון קינדער גריבער, קינדער נאָרעס,
שטראַלן זונענדיק צעשיינען? — — —

איך וואָלט וועלן נאָך דערלעבן
זען אין מיינע רייפע יאָרן,
ניט מער פאָרהונגערטע, נאָר זאַטע,
אין יעדער היים, אין יעדער כאַטע. — — —

טאָ שפּאַר דיין קאָפּ אויף באָבעס אַקסל אָן,
הער צו מיין קינד דאָס שטיל געבעט,
ניט פון פייגעלעך אין לופטן,
ניט פון רייכע בלומען דופטן,
זינג איך דיר מיין ליד אַצינד,
הער זיך צו! באַנעם, מיין קינד! . . .

* * * *

ניט מער, ניט מער

איך האָב זיך באַטראַכט,
אַז שרייבן וועל איך מיינע לידער
פֿאַר'ן יונגן דור,
פֿאַר נייער יוגנט וואָס דערוואַכט . .

איך וועל דערציילן,
איך וועל אים זינגען
דאָס ליד, דאָס יידישע,
דאָס טיף בענקענדיקע,
דאָס ליד, דאָס אייביק פֿאַרזאָרגטע,
דאָס טרויעריקע מאַרטירער ליד!

דרינגען זאָל
אין הערצער קלאַפּנדיקע יונגע, — —
אין יעדן קינדיש יידיש גליד.
און דערוועקן זאָל מיין וואָרט
צו אַ לעבן אַ ליכטיקן,
פֿאַר צוקונפֿט אַ יידישער
פֿאַר צוקונפֿט אַ פֿאַרזיכערטער.

און דערפֿילן זאָל „ער",
דער אויפֿגעוואַקסטער, יונגער דור,
אז ניט גרינג און ניט פֿריילעך
איז דאָס ליד,
פֿון אונדזער יידישער היסטאָריע. — —
די געשיכטע אונדזערע,
די פֿיל טויזנט־יאָריקע,
איז פֿול מיט פֿאַרפֿאָלגונג,
בלבולים און אויסראָטונג
אָגעוואָרפֿענע, פֿאַרמשפּטע,
אין ווייטיקן געליטענע.

איז מיין געזאַנג צום יונגן דור;
צו פֿאַרהיטן הייליק אונדזער שטאַם,

כּבוד יידישן דערהויבן,
מיט האָפענונג און מיט עשקנותדיקן גלויבן.
אויסהיילן די וואונדן אונדזערע
פון לאַנגע — ביטערע גלות־יאָרן,
ניט דערלאָזן מער צו מאָרדן,
צו ווילדע אַכזריותן.

עס מאָנט יידיש בלוט,
עס שרייען קדושים אונדזערע פון אַש:
ניט מער, ניט מער
גיין ווי שעפּסעלעך
צו דער עקידה!
ניט זאָגן מער,
ס׳איז קיין ברירה . . . — — —

ניט מער, ניט מער, —
